STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11266

YUBILEY BUKH

Poale Zion Organization of America

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יובילײ-בוך

צו דער פײערונג פון

צװאנציג יאהר פועלי ציוניזם

אין אמעריקא

ארויסגעגעבען פון

פ ו ע ל י צ י ו ן י ו ב י ל ע א ו ם ק אָ מ י ט ע ט

פילאדעלפיא, פא.

1925

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL PHILADELPHIA 20

אינהאַלט פאַרצייכנים

פיידזש

פאָרוואָרט 3

די טעאָריע און פּראַקטיקע פון פועלי ציוניזם 5
פון בן־יהודה

די ענטשטעהונג פון פועלי ציוניזם אין אייראָפּא 10
פון ק.—פ.

צו דער ענטשטעהונג פון פועלי ציון אין אמעריקא 12
פון מאיר בראון

צוואַנציג יאהר פועלי ציוניזם אין אמעריקא 22
פון ב. צוקערמאַן

דער איצטיגער מצב פון דער פועלי ציון פּאַרטיי אין אמעריקא 27
פון א. העמלין

צוויי שאַפער פון פועלי ציוניזם: באָראָכאָוו און סירקין 32
פון משה פריילּיכאָוו

דער וועלט פאַרבאַנד פועלי ציון 39
פון יצחק זאר

די אחדות העבודה אין ארץ ישראל 42
פון בן מרדכי

צוואַנציג יאהר 48
פון דוד פּינסקי

צוואַנציג יאהר פועלי ציון פּרעסע אין אמעריקא 50
פון י. ענטין

ארבייטער סטאַטיסטיק אין ארץ ישראל 61
פון דר. יוסף כרמין־זיצער



פון רעכטס צו לינקס — שטעהענדיג

מ. שטאלער, פּאָרזיצער פּראָגראַם קאָמיטעט

פּראָפ. חיים פיינמאַן, פּאָרזיצער יובילעאום קאָמיטעט

יעקב פארבער, סעקרעטאר יובילעאום בוך קאָמיטעט

דר. מנחם מ. קאליש, פּאָרזיצער יובילעאום בוך קאָמיטעט

זיצענדיג:

א. באלפור, סעקרעטאר יובילעאום קאָמיטעט

יצחק שווארץ, סעקרעטאר פּובליסיטי קאָמיטעט

עטליכע ווערטער אַלס אַ פאָרוואָרט.

דער דאָזיגער בוך ווערט ארויסגעגעבען איצט, חנכה תרפ"ו, לכבוד דער פיי־ערונג פון דער אָפיציעלער גרינדונג פון דער פארטיי פועלי־ציון, וואָס איז געשעהען חנכה אין יאהר תרס"ו, און איז אַ מתנה פון די פילאדעלפיער חברים צו דער פארטיי.

אין אַ מתנה זוכט מען ניט קיין חסרונות. אַזוי איז אין דער וועלט אָנגענומען געוואָרען. דאָך פיהלען די ארויסגעבער ווי צו מתנצל זיין פאר די חברים לעזער, פאר די חברים מיטארבייטער, וואָס האָבען אויף אונזערע דרינגענדען פערלאַנג געמוזט אין איילעניש שאַפען זייערע ארטיקלען. די אומשטענדען זיינען גראָד געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געגעבען ווייניג צייט פאר די מיטווירקער צו געבען אַ געגנויע אָבהאנדלונג איבער די ענינים, וועלכע זיי בעהאנדלען אין זייערע אַר־טיקלען — ענינים, וואָס פאָדערען מעהר צייט פאר פאָרשען און פאר זאַמלען מעהר אויסקונפט אום ארויסצובריינגען זיי פאָלקאָמען. ניט די נויטיגע צייט, וואָס פאָ־דערט זיך דערצו, און ניט אַזוי פיעל פּלאַץ וויפיעל יעדער בעזונדער געגענשטאַנד פאָדערט, האָט די רעדאקציע געקאָנט געבען די שרייבער פון די ארטיקלען. די רע־דאקציע האָט פשוט ניט געהאט די מעגליכקייט אַזאַ רחבות צו פארגינען זיך און האָט געמוזט באַגרעניצען איהר פארנעהם, וואָס דאָס האָט באַשריינקט די מיט־ווירקער אי אין צייט אי אין פּלאַץ.

צוואנציג יאהר באַוועגונג פון אַ פארטיי איז אַ היבשער משך, און בפרט, אַז דאָס איז די צייט פון די לעצטע צוואנציג יאהר, וועלכע באַצייכענען אַזאַ גרויסע תקופה אין דער געשיכטע פון דער וועלט און אין דער וואונדערליכער געשיכטע פון אונזער פאָלק באַזונדער — אַזוי פיעל איבערלעבונג, אַזעלכע דערגרייכונגען און אַזעלכע הויכע ציעלען, וואָס זיינען פון לעבען ארויסגעשטעלט געוואָרען אין דעם אידישען שטרעבען צו נאַציאָנאַל־סאָציאַלע אידעאַלען. עס פיהלט זיך שוין דארום די פאָדערונג, די דרינגענדע פאָדערונג, פאר אַ היסטאָרישען איבערבליק איבער'ן פועלי־ציוניזם, וועלכער האָט זיין בעדייטענדע ראָלע געשפּילט און איז אין פּראָצעס פון שפּילען אין דעם דאָזיגען שטרעבען.

מיר קאָנען ניט פּרעטענדירען אַז דער פאָרליגענדער בוך איז יענער גרונד־ליכער היסטאָרישער איבערבליק, וועלכער פאָדערט זיך, ווי געזאָגט, אום צו האָבען פאר זיך אַ קלאָהרען בילד פון דער ענטשטעהונג פון דער פארטיי, פון איהרע קאמפּפען, פון איהר ענטוויקלונג און איהרע היסטאָרישע פערספּעקטיווען בנוגע דעם אידישען נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. אָבער דער פּרווּך איז אין דעם דאָזיגען בוך געמאַכט געוואָרען צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די לעזער אויף דעם רייכען, אינטערעסאַנטען מאַטעריאַל, וועלכער דאַרף און זאָל געזאַמעלט ווע־רען פאר אַן אַלזייטיגער געשיכטע פון אונזער פארטיי, און צו דערוועקען אַ גרע־סערען אפּעטיט פאר דער שאַפונג פון אַ פאָלקאָמענעם היסטאָרישען ווערק, וואָס

זאָל באַפרידיגען די דאָזיגע פאָדערונג. אויב די אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, וואָס אונזערע מיטאַרבייטער האָבען אונז צוגעשטעלט, זאָלען דינען אַלס אַ פּראָספּעקטוס פאַר אַ גרעסערען ווערק, וועלכען די פּאַרטיי, און ניט בלויז אַ צווייג איהרער, וועט מיט דער צייט אַרויסגעבען, קאָנען מיר מיט גרויס הנאה זאָגען, אַז מיר האָבען מיט דער דאָזיגער מתנה צו דער פּאַרטיי עפּעס אויפגעטהון.

די אויפגאַבע, וועלכע מיר האָבען זיך געשטעלט און דעם פּערזוך, וואָס מיר מאַכען מיט דעם דאָזיגען בוך, איז צו סקיצירען מעהר אָדער ווייניגער אַ מין סך הכל פון צוואַנציג יאָהר טהעטיגקייט פון דער איינציגער אידישער אַרבייטער פּאַרטיי, וועלכע איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין די צוואַנציג יאָהר האָבען טויזענדער אַרבייטער געהערט צו איהר און נאָך מעהרער טויזענדער האָבען געהערט איהר וואָרט, וואָס האָט אַרויסגערופען אין זיי בעגייסטערונג.

אין די צוואַנציג יאָהר איז איהר געדאַנק פאַרשפּרייט געוואָרען ווייט און ברייט אין דער אידישער וועלט און איז געוואַקסען מיט'ן לעבען. און די טרעגער פון דעם געדאַנק האָבען זיך בעטראַכט אַלס דער אוואַנגאַרד, אַלס די טרעגער פון אַ גרויסער בשורה — די בשורה פון בענייאונג און בעפרייאונג.

אין די צוואַנציג יאָהר זיינען קאַמפּפען אויסגעפאַכטען געוואָרען, אינסטיטוציעס געשאַפען געוואָרען, פּאַרוויִרקליכונגען דערגרייכט געוואָרען, גרויסע אַקציעס אונטערנומען און אויסגעפיהרט געוואָרען — אַ סך אויפגעטהון געוואָרען און אַ סך אָנגעצייכענט אויפגעטהון צו ווערען.

און איצט, נאָך די צוואַנציג יאָהר, ווען מיר האָבען דערלעבט צו זעהען ווי די ביטערע געגנערשאַפט צו אונזערע אידעאַלען הויבט אָן צו פאַרשווינדען, ווי דער נאַציאָנאַליסטישער סאָציאַליזם הויבט אָן אין ארץ ישראל מקיום צו ווערען, ווי די אַרבייטער מאַסען אין ארץ ישראל ווערען אַלץ מעהר נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניג — איצט קאָן אונזער התלהבות פאַר'ן אידעאַל אודאי ניט אָבגעקיהלט ווערען און זיין קדושה ניט פאַרשוועכט ווערען.

מיר פּיהלען דעם „אתא בוקר", און אין דעם האַלב־גרויען ליכט פון דעם אָנגעקומענעם פריה־מאָרגען בעגריסען מיר די נייע, וועלכע וועלען קומען אין אונזערע רייהען און אַריינברייגנען נייעם אינהאַלט און נייע פאָרמען אין דעם בענייאונג און בעפרייאונגס קאַמפּף!

פילאַדעלפיער יובילעאום קאָמיטעט.

די טעאָריע און פּראַקטיקע פון פּועלי ציוניזם

פון בן־יהודה

1. די טעאָריע

וואס איז אזוינס דער פּועלי־ציוניזם?

דער פּועלי־ציוניזם איז אן אלוועלטליכע אידישע סאָציאליסטישע באוועגונג וועלכע זוכט אי־בערצובויען דעם גאנצען אידישען לעבען אויף סאָציאליסטישע יסודות. די באוועגונג איז געבויעט אויף געוויסע הנחות, וועלכע קענען פאָרמולירט ווערן אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

(א) די אידען פון דער גאנצער וועלט שטעלען צוזאמען איין פאָלק און אידען דארפען אלס א פריי פאָלק ווערן א גלייכבארעכטיגטער מיטגליד פון דער וועלט משפחה פון פעלקער. אין דעם זין זיינען פּועלי־ציון אינטערנאציאָנאליסטען און זיי אונטערשטרייכען אז עס איז ניטא קיין ווידערשפּרוך צווישען נאציאָנאליזם און אינטערנאציאָנאליזם.

(ב) דאָס אידישע פאָלק, טראָטץ זיין אומ־נאָרמאַלער עקאָנאָמישער לאגע, באשטעהט פון קלאסען. טראָטץ דעם וואס די מאיאָריטעט פון אידישען פאָלק זיינען דערווייל הענדלער, איז דער ארבייטער קלאס דאך דער איינציגער קלאס וועמעס אינטערעסען שטעלען מיט זיך פאָר דאָס פּראָגרעסיווע לעבען פון פאָלק. די אנדערע קלאסען זיינען עלעמענטען, וועלכע וועלען סוף כל סוף אבגעשאפט ווערען. ווען פּועלי־ציון רעדען פון אידישען פאָלק מיינען זיי אלזא דעם אידישען ארבייטער קלאס, און נאציאָנאליזם איז ביי זיי א פּראָגרעסיווער געדאנק, וועל־כער האט קיין שום שייכות מיט שאוויניזם אדער מיט אנדערע קאפּיטאליסטישע עקספּלאָ־טאציעס פון פאָלק'ס לעבען. איבערבויען דעם פאָלק'ס לעבען מיינט ביי די פּועלי־ציון שאפען א פרייען ארבייט'ס פאָלק.

(ג) כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל קענען ווערען א גלייכבארעכטיגטער מיטגליד פון דער וועלט משפחה מוזען די מאסען אָנפירען א קאמף פאר זייער פאָלק'ס רעכטע אין די פארשידענע גלות לענדער און דארפען עטאבלירען פאר זיך א זעלבשטענדיגען צענטער אין ארץ ישראל. די פּועלי ציון באטראכטען ניט די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע אר־בייטען פון די אידישע מאסען אין די גלות לענדער און אין ארץ ישראל אלס געגען־געזעטצטע אדער קאָנקורירענדע טהעטיגקייטען. פארקעהרט, — ביידע ארבייטען זיינען אייניג פארבונ־דען: עס קען ניט ווערען קיין געזונטעס פרייעס פאָלק אין ארץ ישראל אָהן א געזונטען פאָלק, וואס קעמפט פאר א פּראָגרעסיווען עקזיסטענץ אין גלות, און די ארבייטען אין גלות קענען ניט האָבען קיין תכן און קיין ממשות סיידען זיי זיינען פארבונדען מיט דער ארבייט פון שא־פען אן אייגענעם צענטער אין ארץ ישראל.

(ד) דאָס אידישע פאָלק קען זיך באפרייען און ווערן א ווירדיגער מיטגליד פון דער וועלט משפחה בלויז דורך דעם קאמף צו פארווירקליכען דעם סאָציאליזם. דער סאָציא־ליזם איז די העכסטע ווירטשאפטליכע פאָרמע פון דעם נאציאָנאלען און אינטערנאציאָנאלען לע־בען. ארגאניזירען זיך פאר'ן אידישען סאָציאליזם ענטהאלט שוין במילא דעם געדאנק פון באשאפען די נויטיגע באדינגונגען פאר א פרייער אידישער נאציאָן אין א פרייער אינטערנאָ־ציאָנאלער סאָציאליסטישער וועלט. עס איז אלזא ניטא קיין קאָנפליקט צווישען נאציאָנאַ־ליזם און סאָציאליזם, און אלע באפרייאונג'ס ארבייטען דארפען זיך קאָנצענטרירען אין איין אידישע סאָציאליסטישע פארטיי. —

אַט די גרונד געדאנקען זיינען די לאגישע הנחות פון וואנען עס שטראַמט ארויס די פועלי־ציוניסטישע וועלט אנשויאונג. זיי ווערן דא פארמולירט אויף אן אבסטראקטען אופן. דאס דארף אבער ניט באַשאפען דעם איינדרוק אז זיי האבען בלויז אן אבסטראקטען ווערט. זיי זיינען א תשובה אויף די רעאלסטע און די בלוטיגסטע נויטען פון די אידישע מאסען. יעדע הנחה דריקט אויס א קווינטעסענץ פון איבערלעבונגען און איז דורכגעווייקט אין בלוט און איז פארהייליגט מיט קרבנות.

אין פארלויף פון יאָהרען האָט זיך אַנגעקליבען ארום די הנחות א גרויסע ליטעראטור פון בראָשורען, פאלעמיקעס, און רעזאלוציעס. טהעארעטיקער האבען געזוכט צו שאפען פאר די גרונדגעדאנקען וויסענשאפטליכע און „ריין מאטעריאליסטישע" באגרענצונגען. זיי האָבען פרובירט ערקלערן דעם סאציאליזם און דעם אנטיסעמיטיזם אין עקאָנאָמישער טערמינאלאגיע; אנאלאזירען די אונטערשיידען צווישען פראָלעטארישען און בורזשואזנעם נאציאנאליזם; און דיפערענצירען צווישען דער סאָציאליסטישער שטעלונג צו ארץ ישראל און דער בירגערליכער. ניט אלע פועלי־ציון האבען אנערקענט די אלע פארשידענע ערקלערונגען וועלכע די טהעארע־טיקער האָבען אויסגעארבייט. טראָטץ חלוקי דעות זיינען אָבער די גרונד יסודות פארבליבען ביי אלעמען דיזעלבע.

2. די מניעות.

די פועלי ציון האָבען זיך געשטעלט פאר אן אָרגאניזאציאָנ'ס ציעל די פאראייניגונג פון אלע אידישע סאציאליסטישע כחות אין איין אלוועלטליכע פארטיי, וועלכע זאל רעפרע־זענטירען די אידישע ארבייטער מאסען אין סאציאליסטישען אינטערנאַציאנאל און דורכ־פירען דעם סאציאליסטישען איבערבוי פון אידישען לעבען.

דאס איז דערוויי׳ל ניט געלונגען.

ביי דעם סאמע אנפאנג פון דעם פארזוך פון די פועלי־ציון צו ארגאניזירען די גאנצע אידישע ארבייטערשאפט האט מען זיך אנגעשטויסען אין דריי הויפט שוועריגקייטען:

די ערשטע מניעה איז געווען דאס, וואס ווען דער אידישער סאציאליזם האט זיך אנגעפאנגען אין די ערשטע צייטען אין אמעריקא און ענגלאנד האט ער געטראגען א ריין אסימילאטאָרישען כאראקטער. גענאָסען האָבען זיך בעטראכט אלס קאסמאפאליטען און האבען געגלויבט אויף א פרימיטיווען אופן אז מען קען ניט זיין קיין אינטערנאציאנאליסט סיידען מען לייקענט אב די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. פאר זיי איז אלזא געווען משונה־דיג דער געדאנק אז א סאציאליסט איז מחויב צו קעמפפען פאר דער פראָגרעסיווער ענט־וויקלונג פון זיין פאָלק און דארף זוכען בעשאפען נארמאלע עקאָנאָמישע פאליטישע און קול־טורעלע באדינגונגען פאר די אידישע מאסען. אזא מחשבה האט ניט הארמאנירט מיט זייער פרימיטיווער וועלט־אנשויאונג. איידער זיי האָבען געקענט אויפגעבען זייער ריין־אסימי־לאטאָרישען בליק האָבען זיי פריהער געמוזט ענדעקען פאר זיך דורך ביטערע ערפאהרונגען אז אסימילאציאָן איז א קללה, וועלכע פארשטארקט אנטיסעמיטיזם און פארטעמפט דעם רעוואָ־לוציאנערען שעפפערישען גייסט פון די מאסען. זיי האבען געמוזט אויסגעפינען אז א סאָ־ציאליסט טאר ניט איבערלאזען קולטורעלע און נאציאנאלע ענינים אין די הענד פון דער בורזשואזי. אויב ער וויל אז די אידישע ארבייטער מאסען זאלען אנטייל נעמען אין וועלט פראָגרעס. ערשט נאָך אזעלכע ענדעקונגען האבען זיי געקענט רעווידירען זייער שטעלונג געגען דער אידישער באפרייאונגס באוועגונג. טראָטץ דעם וואס דער קאסמאפאליטישער סאציאליזם איז יעצט כמעט אין גאנצען פארשוואונדען איז אבער דער איינפלוס פון די חשדים און בלבולים, וואָס זיינען פארשפרייט געוואָרען פאר יאהרען לאנג געגען דעם פועלי־ציוניזם נאָך אלץ פארבליבען. אָט די חשדים און בלבולים זיינען נאָך ביז יעצט צווישען די גרעסטע מכשולים אין דער פראָגרעסיווער ענטוויקלונג פון דעם ארבייטער קלאַס.

די צווייטע מניעה איז באשטאנען אין דעם וואס בעת דער בונד איז באשאפען געוואָ־רען אין רוסלאנד און אין פוילען, איז טראָטץ דעם וואס דער בונד האט אריינגענומען אין זיין פראָגראם באגריפע פון נאציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע האָבען אָבער די אָנפירער ניט געקענט באגרייפען ווי אזוי עס איז מעגליך פאר ארבייטער, וועלכע קעמפפען ג ע ג ע ן בורזשואזי, אז זיי זאלען גלייכצייטיג קענען קעמפפען מ י ט דער בורזשואזי פאר א נאַ־ציאנאלע פאליטישע אויטאנאמיע אין גלות, אדער פאר א זעלבשטענדיגע אויטאנאמיע אין אן אייגען לאנד.

זיי האבען קלאר באגריפען אז דער אידישער ארבייטער קען ניט דורך זיינע אייגענע כחות באשאפען א פאליטישע אויטאנאמיע אדער א זעלבשטענדיגען שטאט אין ארץ ישראל. כדי דורכצופירען אזעלכע רעזולטאטען דארף מען שטעהן אין פארבינדונג מיט בורזשואזנע רעגירונגען, און מען דארף האבען די געלט־מיטהילף פון דער בורזשואזי. גוי'שע סאציאליס־טען האבען באגריפען אז עס איז יא מעגליך אנצופירען א קאמף געגען דער בורזשואזי און פון דעסטוועגען ארבייטען צוזאמען מיט די פראָגרעסיווע עלעמענטען פון דער בורזשואזי גע־גען דער רוסישער אויטאקראטי, און דאס אזא צוזאמענארבייט שוואכט ניט אב דעם קלאסען־קאמף. בונדיסטען האבען אבער דאס ניט געקענט פארשטעהן אין באצוג צום אידישען פאלק. זיי האבען אין אלגעמיין ניט געקענט אויפפאסען באגריפע פון פראלעטארישען נאַ־ציאנאליזם און האבען באטראכט דעם ציוניזם אלס שאוויניזם, און דעם קאמף פאר נאציאָ־נאלע פאליטישע אויטאנאמיע אלס פארדונקלונג פון קלאסען קאמף. זיי האבען דארום ארויס־געלייגט א חרם אויף דעם אידיש־סאציאליסטישען קאמף פאר א פראגרעסיווער אנטוויקלונג פון'ם אידישען פאלק. עס האט געמוזט אויסברעכען א וועלט מלחמה איידער זיי האבען געקענט ענדעקען, אז מען קען מיטארבייטען מיט בורזשואזנע עלעמענטען אין געוויסע טהע־טיגקייט און ניט פארלירען דעם חוש פאר'ן קלאסען קאמף. ערשט אין די לעצטע פינף יאהר האבען זיי אנגעפאנגען אויסגעפינען אז קלאסען־קאמף מיינט אויך קעמפפען פאר א קאנטראל פון דעם קולטורעלען און נאציאנאלען לעבען פון א פאלק און אז מיט דעם אבטרייסלען זיך פון דעם קאמף פאר דער פראגרעסיווער ענטוויקלונג פון אידישען פאלק פארראט מען די אינטערעסען פון ארבייטער. די זריעות פון האס צו ארץ ישראל און צו פועלי־ציוניזם, וועל־כע זיי האָבען אָבער פארזעעט טראָגען נאָך אלץ פרוכטען, וועלכע שטערען דעם פאראייניגונגס פראָצעס אין דער אידישער סאציאליסטישער וועלט.

די דריטע מניעה איז באשאפען געווארען אין די שיכטען פון דער פועלי־ציוניסטי־שער באוועגונג גופא. קעמפפע זיינען געפאכטען געווארען אינערהאלב דעם פועלי־ציוניזם בנוגע די רעלאטיווע ווערטהען פון די נויטיגע סאציאליסטישע ארבייטען אין דעם אידישען ארבייטער לעבען. אלס א רעזולטאט פון די קעמפפע האבען שטאטגעפונדען א רייע פון שפאלטונגען. אננעמענדיג די הויפט הנחות פון דעם פועלי־ציוניזם, זיינען "סיימאָוועצעס" געקומען צום שלום, אז דער עיקר איז די פאליטישע אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער. טע־ריטאָריאליסטען האָבען זיך דערקלערט, אז מען דארף טאקע האָבען א אידישע טעריטאָריע, אָבער אַז די טעריטאָריע קען ניט זיין אין ראַץ ישראל; און צעירי־ציון'יקעס האָבען גע־טענה'ט, אז מען דארף טאקע האָבען ארץ ישראל, אבער די ארבייט פאר פאליטישע אויטאָנאָמיע איז אן אילוזיע. עס איז אויך אויפגעשוואומען די שפּראכען פראגע, צי אידיש אדער העברעאיש זאָל ווערען די נאציאָנאלע שפּראך; און לעצטענס צי זאָל די אידישע ארבייטער־שאפט זיין פארבונדען מיט'ן דריטען אדער צווייטען אינטערנאציאָנאל. אונטער דעם איינפלוס פון די בונדיסטישע אידעאָלאָגען, איז אויך אויסגעבראכען ביי פועלי־ציון די מחלוקה צי מען מעג אדער מען טאָר ניט אנטהייל נעמען אין ציוניסטישען קאָנגרעס. אט די שפּאלטונגען האָ־בען ניט נור באשאפען נייע פארטיי אנטאגאניזמען, זיי האָבען אויך געשפּיעלט א ראָלע אין אונמעגליך מאכען די ארגאניזירונג פון די ארבייטער מאסען פאר זייער באפרייאונג. די ענערגי פון פארטיי פיהרער איז געוועזן געווידמעט צו פארטיי קעמפפע אנשטאט צו קלאסען קאמפף.

אַט די מניעות האָבען געפיהרט צו דעם, אז קעמפפע צווישען אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זאָלען פאַרשאַרפט ווערען און אז די גרעסטע טיילען פון די אידישע אַרבייטער מאַסען זאָלען פארבלייבען אויסערהאַלב אַלע פּאַרטייען.

טראָטץ די צושפּליטערונגען האָט דער פאַרזוך איבערצובויען דעם גאַנצען אידישען לע־בען אויף סאָציאַליסטישע יסודות, דאָך געבראַכט געוויסע רעזולטאַטען:

א) גרויסע טהיילען פון די אידישע מאַסען, אהן אונטערשיעד צו וועלכע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען זיי זאָלען ניט געהערען, פאַסען אויף אידעאַלען פון א פרייע מענשהייט, דע־מאָקראַטי, סאָציאַליסטישע גלייכהייט און די אָבשאַפונג פון קלאַסען דורך קלאַסען קאַמפּף. זיי פאַנגען אָן צו בעגרייפען, אַז דער קלאַסען קאַמפּף געגען דער בורזשואזי באַשטעהט אין קאַמפּף געגען דער גאַנצער ליניע פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, און קולטורעלער רעאַקציע. דער אידישער סאָציאַליסט מוז קעמפּפען פאַר דער פּראָגרעסיווער עקזיסטענץ פון זיין פאָלק, געגען רעאַקציאָנערע באַגריפע פון אסימילאַציע, פילאַנטראָפּי, שתדלנות, אויטאָקראַטישע פאַרוואַל־טונג פון אידישע פאָלקס ענינים, בורזשואזע באַגריפע פון קולטור, נאַציאָנאַלע רעכט, און בורזשואזע מעטאָדען פון אויפבויען און פאַרוואַלטען ארץ ישראל. אַט דעם קלאַסען קאַמפּף פאַר דער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג פון זיין פאָלק, דאַרף דער אידישער סאָציאַליסט פיהרען סאָלידאַריש מיט די ניט־אידישע סאָציאַליסטען פון די גלות לענדער און מיט דעם גאַנצען אינ־טערנאַציאָנאַל. ביים איצטיגען מאָמענט — נאָך יאהרען פון צושפּליטערונג — ווערט אויף אַזא אופן די טאַקטיק פון כמעט אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געריכטעט אין דער פועלי־ציוניסטישער ליניע.

ב) דאָס אידישע פאָלק איז איצט רעפּרעזענטירט דורך די פועלי ציון אין דעם סאָ־ציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. צום ערשטען מאָל ווערט דאָס אידישע פאָלק אנערקענט אלס א מיטגליעד פון די פעלקער משפחות. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פאַנגט אָן אויף אַזא אופן דער אידישער אַרבייטער צו פיהרען א אידישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

ג) אין א רייהע פון גלות לענדער האָבען פאַרשיעדענע אידישע אַרבייטער פּאַרטייען אָנגענומען א פּאָזיטיווע שטעלונג צו אידישער קולטור. זיי האָבען אָנגעפאַנגען באַשאַפען אָן אייגענע שולען סיסטעם; זיי נעמען אַנטהייל אין ענינים פון אידישע זעלבסט פאַרוואַלטונג; זיי האָבען א באַדייטענדען חלק אין דעם קאָנסטרוקטיווען עקאָנאָמישען איבערבוי פון דעם אי־דישען לעבען; זיי ווערען פּאַראינטערעסירט אין דעם קאַמפּף פאַר דער נאָרמאַלער ענטוויק־לונג פון דעם אידישען פאָלק. ניט אַלע אידישע סאָציאַליסטען האָבען די זעלבע אויסגעהאַל־טענע שטעלונג בנוגע די ענינים ווי די פועלי־ציון. ניט אַלע שאַצען אָב די אַרבייטען אויף דעם זעלבען אופן — אָבער די פאַרשטענדנים אַז קלאַסען קאַמפּף ענטהאַלט אויך דעם קאַמפּף גע־גען דעם רעאַקציאָנערען גלות נאַציאָנאַליזם און אַז דער אידישער סאָציאַליסט מוז שאַפען קאָנ־סטרוקטיוו אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַליזם, ווערט פון טאָג צו טאָג מעהר און מעהר פעסטגעשטעלט.

(ד) די טהעטיגקייטען אין ארץ ישראל טראָגען א פּראָלעטאַרישען כאַראַקטער. א נעץ פון קאָאָפּעראַטיווען איז פאַרשפּרייט געוואָרען איבערן לאַנד; דער גרויסער כח אין ארץ ישראל איז איצט די סאָציאַליסטישע אַרבייטערשאַפט. א סאָציאַליסטישער לעבען און קולטור ענט־וויקעלט זיך אין לאַנד. אין דעם ענין זיינען איצט פּאַראינטערעסירט ניט בלויז פועלי ציון און צעירי ציון. דער אַרבייטער לעבען אין ארץ ישראל פאַנגט ענדליך אָן ארויסרופען בעוואונ־דערונג ניט נור פון אינטערנאַציאָנאַל און פון גוי׳שע סאָציאַליסטען. אידישע סאָציאַליסטען וואָס האָבען פריהר געהערט אין דעם אסימילאַטאָרישען און בונדיסטישען לאַגער הערען איצט אויף צו זיין גלייכגילטיג און פאַנגען אָן געבען זייער מיטשטיצע צו דעם העראָאישען אַרביי־טער קאַמפּף אין ארץ ישראל. דערווייל זיינען זיי נאָך אַלץ ניט קיינע פועלי־ציון. זיי ווערען אָבער אידעאָלאָגיש געטריבען אין דער פועלי־ציון ריכטונג. זייער סאָציאַליזם פיהרט זיך צו די

פועלי־ציוניסטישע הנחות: זיי פאנגען אן באגרייפען אז דאס אידישע פאלק לעבט ניט קיין
נארמאלען עקאנאמישען לעבען אין די גלות לענדער. דאס וואס אידען זיינען אין אלע גלות
לענדער א מינאריטעט איז פאראנטווארטליך פאר דעם אז טראָטץ אלע פארזוכען איבערצו־
בויען דאס פאלק'ס ארבייט'ס לעבען איז דער עקאנאמישער מצב פארט אזא וועלכער פירט
צו דעם אז אידישע ארבייטער ווערן הענדלער. נארמאלע עקאנאמישע פארהעלטניסע אין
דעם לעבען פון אידישען פאלק קאנען באשאפען ווערן נור אין אן אייגען לאנד. ווייל מען אל־
זא, אז אידישע ארבייטער זאלען באמת'ן שפילען א גלייך־בארעכטיגטע ראָליע אין דער סאציא־
ליסטישער פעלקער משפחה און ווייל מען באמת'ן העלפען דעם סאציאליסטישען איבערבוי פון
דער גאנצער וועלט מוז מען קעמפפען פאר שאפען נארמאלע לעבענס באדינגונגען פאר'ן אי־
דישען פאלק אין ארץ ישראל. דער קאמף פאר א סאציאליסטישען ארץ ישראל מוז דארום
אוועקגעשטעלט ווערען אין צענטער פון די אקטיוויטעטען פון אלע די, וואס ווילען איבערבויען
דעם אידישען לעבען אויף סאציאליסטישע יסודות. איבעריגענס דער אידישער סאציאליסט,
טראָטץ אלע פראזעאלאָגיעס, איז אין הארצען פארט א איד, און איז ניט גלייכגילטיג צום אנטי־
סעמיטיזם, די נאציאנאלע ליידען פון זיין פאלק, און די הערָאישע פארזוכען אין ארץ ישראל
און אין די גלות לענדער געזונט צו מאכען דעם אידישען לעבען. טראָטץ פארטיי טראדיציעס
ווערט ער הינגעריסען פון דעם קאמפף פאר זעלבסט באפרייאונג. און צוליעב א רייהע פון פאר־
שיידענע טעמים פאנגט ער איצט אן גיבען זיין מיטהילף צו דעם פאלעסטינא ארבייטער פאָנד,
ארבייטער באנק, און אנדערע נאציאנאלע ארבייטער אינסטיטוציעס. ער פאנגט אן אונטער־
שטיטצען די פועלי־ציוניסטישע טאקטיק ניט נור בנוגע די ארבייטען אין די גלות לענדער נור
אויך בנוגע ארץ ישראל.

די פועלי ציון פארטיי וועלכע האט אויסגעארבייט א פראָגראם, ארום וועלכען עס דאר־
פען זיך קאנצענטרירען אלע אידישע סאציאליסטען, איז טראָטץ מאראלישע ערפאלגען און
טראָטץ דעם אלגעמיינעם זיג פון אירע הויפט הנחות, נאך אלץ אן אלוועלטליכע פארטיי,
וועלכע פארמאָגט אין איהרע רייהען בלויז א קליינעם חלק פון די אידישע ארבייטער מאסען.
דער מאראלישער כח פון איהרע הנחות האָט אבער געפיהרט צו אן אויפלעבונג פון דער ענערגי
פון די ארבייטער מאסען און צו אן התחלה פון דעם סאציאליסטישען איבערבוי פון'ם לעבען
פון אידישען פאלק. דערווייל זיינען די רעזולטאטען ניט מער ווי בלויז אן אנפאנג.

די צאָהל פון פועלי־ציון איז פארהעלטניסמעסיג קליין. אבער עס פאנגען זיך אָן שפינען
די פעדים פון פאראייניגונג. פריער האט שטאטגעפונדען דער פאראייניגונג פון די ס. ט. און
די פועלי ציון; איצט זיינען שוין פאראייניגט די לינקע צעירי ציון און די פועלי ציון. איינ־
צעלנע פערזאנען האבען אנגענומען דעם פועלי־ציון פראָגראם; און סימפאטהיען פאר פועלי־
ציוניסטישע לאזונגען זיינען אויסגעדריקט געווארען פון פילע ארבייטער פירער. די יסודות
פאר א פאראייניגטען ארבייטער כח פאנגען אן אוועקגעלעגט צו ווערן. און ווען דער אידי־
שער פראָלעטאריאט וועט ווערן פאראייניגט אויפ'ן יסוד פון דעם פאלקאמען סאציאליסטישען
איבערבוי פון דעם אידישען לעבען, וועט די אידישע פראגע פארענטפערט ווערען, און דער אנ־
טהייל פון אידישען פאלק אין זיין אייגענער באפרייאונג און אין דער באפרייאונג פון דער
מענשהייט וועט ווערן א ווירדיגער.

די ענטשטעהונג פון פועלי ציוניזם אין אייראָפּאַ

פון ק. — פּ.

די פועלי־ציוניסטישע באוועגונג איז אַ אידישע אַלוועלטליכע באוועגונג. וואו עס איז נאָר פאַראַן אידיש לעבען, האָט דאָרט געשלאָגען וואָרצלען דער פועלי ציוניסטישער געדאַנק און האָט אנטוויקעלט זיך צו אַ באוועגונג, ווייל דיזעלביגע סיבות פון אידישען לעבען טרייבען זיינע טיילען אין פאַרשידענע מדינות צו דעמזעלבען שטרעבען. דערמיט ערקלערט זיך דער אומשטאַנד וואָס די דאָזיגע באוועגונג איז געוואָרען אַלוועלטליך. איהר אורשפּרונג איז ניט קינסטליך בעשאַפען געוואָרען אין אַ לאַבאָראַטאָריע, פון וועלכער עס זאָל זיך אָנהויבען איהר פאַרשפּרייטונג און פאַרצווייגונג אין פאַרשידענע מדינות, וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ אידישע באַפעלקערונג. אויטאָמאַטיש, ווי פון זיך זעלבסט, איז די באוועגונג ענטשטאַנען אין פאַרשידענע מדינות, אין מאַנכע פריהער, אין מאַנכע שפּעטער.

ווי שטראָמען, וועלכע פליסען ארויס נאַטירליכערווייז פון עהנליכע קוועלען און טראָגען זיך אין איין און דערזעלביגער ריכטונג און גיסען זיך ענדליך צונויף אין איין גרויסען פלוס, פון וועלכען עס ווערט בעפרוכפּערט דער באָדען רונד און ארום, אזוי פליסען ארויס פון די זעלביגע סיבות סאָציאַליסטיש ציוניסטישע שטרעמונגען אין בעזונדערע מדינות, טראָגען זיך אַלע אין דערזעלביגער ריכטונג, פליסען צונויף אין איין ברייטען באוועגונגס־שטראָם, וואָס בעפרוכפּערט דעם גרויסען אידישען נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען אידעאַל פון אַ בענייטען לעבען פאַר דעם אידישען פאָלק אין זיין אַלטען היימלאַנד, ארץ ישראל, אויף יסודות פון סאָציאַלען יושר.

דער ערשטער פאַרזוך צו שאַפען אַ סינטהעז פון אידישען נאַציאָנאַליזם און פון סאָציאַליזם איז געמאַכט געוואָרען פון דר. נחום סירקין און דר. חיים זשיטלאָווסקי. דער פאַרשטאָרבענער גייסטרייכער טהוער, דר. סירקין, האָט שוין אין יאהר 1898 פאָרמולירט דעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישען רעיון. און דער פיעלזייטיגער אידישער דיינקער, דר. זשיטלאָווסקי, וועלכער איז נאָך צו יענער צייט געווען אַ געגנער פונ'ם ציוניזם, האָט אָבער אין 1899 שוין פאַרנומען זיך מיט ענטוויקלען די אידעע פון שאַפען אַן אַלוועלטליכע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אין איהר פּראָגראַם אריינגעמען די רעגולירונג פון אידישער עמיגראַציע. און אין יאהר 1900־01 האָט דער אונפאַרגעסליכער פאַרשטאָרבענער פאָרשער און טהוער ד. ב. באָראָכאָוו אָנגעהויבען אין יעקאַטערינאָסלאַוו אָנפיהרען אַן אגיטאַציע פאַר אַ ציוניסטישען סאָציאַליזם. מיט איינעם ביז צוויי יאהר שפּעטער געפינען מיר שוין אַ רייהע פון פועלי־ציון אָרגאַניזאַציעס אין אַן אנצאָהל שטעדט פון רוסלאַנד.

די דאָזיגע באוועגונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין באַזונדערע שטעדט פון רוסלאַנד, האָט אייגענטליך קיין דירעקטע שייכות ניט געהאַט מיט די דעמאָלטיגע אַרבייטען פון דר. סירקין און דר. זשיטלאָווסקי. דר. סירקינ'ס שטעלונג, וועלכע ער האָט ענטוויקעלט אין זיין „אויפרוף פון די ציוניסטען־סאָציאַליסטען צו דער אידישער יוגענד“ (לאָנדאָן־בערלין 1901) און אין זאַמעלבוך „המון“ (בערלין 1903) איז געווען פאַר דער צוטיילונג פון סאָציאַליסטישער און ציוניסטישער טהעטיגקייט אויף באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. און דר. זשיטלאָווסקי איז נאָך דאַמאַלט געווען אַ שאַרפער געגנער פון ציוניזם, ווי ער איז דאָס געבליבען ביז דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע אין יאהר 1909, ווען ער האָט געזוכט שוין צו פאַראייניגען די דריי אידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פאַרטייען: פועלי־ציון, בונד און טעריטאָריאַליסטען אין איין גרויסער אידיש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי, און איז דערנאָך אריינגעטראָטען אין 1910 אַלס מיטגליד פון דער פועלי־ציון פאַרטיי אין אמעריקא.

די אידעען, וואס האבען באזעעלט אורשפּרינגליך די פּועלי־ציוניסטישע באוועגונג אין רוסלאנד, זיינען געווען ענג פארבונדען מיט די טהעאָריען פון פּראָלעטאַריזאַציע, עמיגראַציע און קאָנצענטראַציע. אויף די דאָזיגע אנשויאונגען איז זי דאָרט געוואַקסען און האָט זיך ענט־וויקעלט, מיט אויסנאהמע פון דער מינסקער גרופּע, וועלכע האָט עקזיסטירט בלויז ביז'ן יאהר 1907.

א סדרה פון שפּאַלטונגען האָט זיך אָנגעהויבען אין יאהר 1903. עס האָט זיך אָבגע־שפּאָלטען א טייל אין 1904 אַלס ס־ס'אָווצעס (ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי) און דערנאָך איז פאָרגעקומען א צווייטע שפּאַלטונג איבער דער פראגע פון נאַציאָנאַל קולטור־רעלער אויטאָנאָמיע. די אָפּגעשפּאָלטענע האָבען זיך אָבגעזאָגט פון טעריטאָריאַליזם און סאָ־ציאַליסטישען ציוניזם און האָבען געבילדעט די סאָציאַליסטישע אידישע ארבייטער פּאַרטיי („סערפּ") אָדער „סיימאָוצעס". די איבערגעבליבענע האָבען אָנגעהאַלטען דעם נאָמען איד. סאָצ. ארב. פּאַרטיי פּועלי־ציון. די אָפּיציעלע פּראָגראַם פון דער דאָזיגער פּאַרטיי איז אויס־געארבייט געוואָרען אין 1907 אין קראָקוי.

אונגעפעהר ארום דערזעלבער צייט איז גאַנץ זעלבסטשטענדיג ענטשטאַנען אין עסטרייך א פּועלי־ציוניסטישע באוועגונג. דאָרט האָבען עקזיסטירט נאָך פון פריהער, זייט 1898־9 ציוניסטישע פאראיינען פון פּראָלעטאַריער, פון קלערקס און געשעפטען און פון ארבייטער, וועלכע האָבען שוין געהאַט באַזונדערע צוזאַמענפאהרען. אָבער אָבוואָהל דער גייסט איז געווען א פּראָלעטאַרישער איז ביי זיי נאָך ניט געווען אויסגעארבייט קיין קלאָהרער בליק און קיין איינהייטליכע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּראָגראַם. אין 1903 איז שוין דאָרט ערשינען אין דער דייטשער שפּראַך „דער אידישער ארבייטער" און מען האָט אין דער דאָזיגער שריפט שוין געקאָנט מערקען בולט דעם סאָציאַליסטישען כאראַקטער פון דער דאָזיגער ציוניסטישער אר־בייטער אָרגאַניזאַציע. אין 1904 געפינען מיר שוין אז דאָרט גרינדעט זיך א „פערבאַנד פון אידישע ארבייטער און האנדעלס אנגעשטעלטע, פּועלי־ציון". און קורץ נאָך דעם הויבט שוין אָן דאָרט צו ערשיינען „דער אידישער ארבייטער" ניט אין דייטש, נאָר אין אידיש, פריהער אונטער דער רעדאַקציע פון חבר ש. קאַפּלאַנסקי, און דערנאָך פון חבר ל. שוסהיים. אין 1905 האָט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע געהאַט א צווייטען צוזאַמענפאהר, אויף וועלכען עס זיינען שוין קלאָהר פאָרמולירט געוואָרען די פּרינציפּען פון דער פּאַרטיי און אָנגענומען געוואָרען א פּאָל־שטענדיגע פּאַרטיי־פּראָגראַם. עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט א פעסטע פּאַרטיי, וועלכע האָט אין 1906 אָנגעפיהרט איהרע קעמפּפע אונטער דעם אויסדריקליכען נאָמען „אידישע סאָציאַליסטישע ארבייטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון".

א לעבעדיגען און ענערגישען קאַמף האָט די דאָזיגע פּאַרטיי אָנגעפירט אין עסטרייך אויף איי־ניגע געביטען, ווי אויף דעם געביט פון עקאָנאָמישען קאַמף פאַר דער מאַטעריאַלער פארבעסערונג פון דעם ארבייטערס לאַגע דורך אָרגאַניזירען יוניאָנס און אָנפיהרען סטרייקס, אזוי אויך אויף דעם פּאָליטישען געביט ענטוויקלענדיג די פאָדערונגען פון נאַציאָנאַל קולטורעלער אויטאָנאָמיע. זיי האָבען ארויסגעשטעלט שוין דאַן אַזעלכע פאָדערונגען ווי די אנערקענונג פון אידיש אין צייט פון צענזוס אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער אידישער באַפעלקערונג אין עסטרייך.

שווערע קעמפּפע האָט די פּאַרטיי אין עסטרייך דורכגעמאַכט; מיט א בעזונדערער אָפּ־פערווילינקייט האָבען זיך יענע קאַמפּפע אויסגעצייכענט. פאַר זייערע פאָדערונגען זיינען די קעמפּפער אין געפענגניס געוואָרפען געוואָרען. די פּאַרטיי חברים האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר קרבנות. דאָס זיינען געווען יאהרען פון ביטערע קעמפּפע, וועלכע זיינע בראַוו און העלדיש געפיהרט געוואָרען און וועלכע האָבען אזוי פיעל בייגעשטייערט דורכצוברעכען פאַר דעם פּועלי־ציוניזם א וועג אין דעם לעבען און אין דעם שטרעבען פונ'ם ציעל־בעוואוסטען אידישען אר־בייטער קלאַס — א וועג, וואָס מוז פיהרען צו נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

צו דער ענטשטעהונג פון פועלי ציון אין אמעריקא

פון מאיר בראון

דער רעדאקטאר פון זאמל-בוך האט מיר געגעבען א שווערע מלאכה: גריבלען זיך אין אלטע פאפירען, דאקומענטען, פארצייכנען עראייגעונגען פון די ערשטע גרינדער פון דער פארטיי, אריינקוקען אין די ארכיוועז.

ווי איז אבער דער דין ווען עס זיינען ניטא די ארכיוועז, און מאטעריאלען זיינען צושפרייט איבער דער ברייטער מדינה פון קאלאמבוס'ן, און דער זכרון אפילו פון די גרינדער איז ניט תמיד אזוי פינקטליך און שארף? מוז מען ארבייטען שווערער, און בלייבען דאך אונצופרידען. טא זאל כאטש ארויסקומען איין פעולה; זאל מען אנפאנגען זאמלען מאטעריאלען, זאל מען פארצייכנען אויפ'ן פאפיר זכרונות, און זאל געשאפען ווערען דער פארטיי ארכיוו, ס'איז די העכסטע צייט פאר דעם, דער פארלוסט פון מאטעריאלען איז אן היסטאריש-קולטורעלער פארלוסט, וואס קאן קוים אפגעשעצט ווערען.

און איצט לאמיר אנהויבען!

דער אידישער קוואַרטאל פון ניו יארק איז אין מערץ 1903 רייכער געווארען מיט אן ארגאניזירטער גרופע פון 5, די 5 זיינען געווען, אויב עס ווערט ניט געמאכט קיין טעות, א ב. גאלדבערג, הורוויץ (א. ליטווין), לעוויטאן (ליוויי) פריילינס קאטין און גליזער. דאס איז געווען א גרופע, וועלכע האט זיך אונטערנומען צו שאפען א סינטעז צווישען ציוניזם און סאציאליזם, א זאך וואס האט אויסגעזעהן דאן ווילד סיי אין די אויגען פון די סאציאליסטען, סיי אין די אויגען פון די ציוניסטען. די גרופע האט זיך א נאמען געגעבען נאציאנאל-ראדיקאלער פאראיין „פועלי-ציון.“ צו דער צווייטער צוזאמענקונפט פון דער גרופע איז געקומען חבר מ. גודמאן. ער ערקלערט אז ער איז געווען א „פריינד“ אי פון ציוניזם, אי פון סאציאליזם, און ער פלעגט אפט פירען געשפרעכען מיט א געגאסע שינדלער. איינמאל אין מערץ 1903, אין א שבת נאכמיטאג, איז ער געזעסען מיט שינדלער'ן אין אפיס פון „לײדיס ראפערס מייקערס יוניאָן“, און דער געגאסע האט איהם געקיבעצט מיט זיין „פריינדשאפט“ צום ציוניזם. מיט אמאל קומט אריין אן ארבייטער, א יונגער מאן „אט איז נאך א משוגענער ווי איהר“ זאגט געגאסע שינדלער, „ער טראגט זיך ארום מיט א געדאנק וועגען שאפען א פאראיין פון ציוניסטען-סאציאליסטען.“ דער יונגער מאן איז געווען אב. גאלדבערג. מען האט זיך צורעדט, און גודמאן איז געקומען צו דער פארזאמלונג פון דער קליינער גרופע אין 19 פייק סט. דארט זיינען געווען ליטווין, ליוויי און איינינגע אנדערע. מען האט געשמועסט אביסעל, שטעהענדיג, מיט א מאל זאגט ליטווין: „מען דארף גאר עפענען א פארזאמלונג.“ אלע האבען צוגעשטימט. איז אבער געווען די צרה וואס מען האט ניט געוואוסט ווי מען עפענט עס א פארזאמלונג, פארלאמענטאריזם איז נאך ביי יענער גרופע געווען א ווילד-פרעמדער ארטיקעל. אבער גודמאן האט זיך דאך געפילט שטארק צו זיין פארזיצער, און אזוי האט ער געהאט דעם כבוד צו זיין דער ערשטער פארזיצער פון דער 1טער פארזאמלונג פון דער ערשטער גרופע „פועלי-ציון“ אין אמעריקא.

שווער איז אנגעקומען דער גרופע די ערשטע צייטען. מען האט געטאפט אין דער פינסטער. יעדער פון דער גרופע האט געפילט זיך אלס דער טרעגער פון נייע אמת'ן, פון נייע ווערטען אין אידישען לעבען, אבער די ארומיגע האבען חוזק געמאכט, איראניזירט. די גרופע האט זיך גענומען אויסצוארבייטען א פלאטפארם, אגיטירט, געוועקט.

א קורצע צייט נאך דער גרינדונג פון דער ערשטער פועלי ציון גרופע איז אנגעקומען די שווידערליכע ידיעה וועגען דעם שרעקליכען פאגראם אין קעשענעוו (אפריל 20-22טען 1903).

די ערשיטערענדע ידיעות האבען אויפגעטרייסעלט דעם קווארטאל, האבען אויפגערודערט פיעלע פון סאָציאַליסטישען און אנאַרכיסטישען לאגערן, באַזונדערס ווען מען האָט זיך דער־וואוסט אז אויך גוישע אַרבייטער האָבען זיך בעטייליגט אין דער קעשענעווער שחיטה.

אין דער "פרייער ארבייטער שטימע" און אין „פאָרווערטס" האט זיך דערפילט די אויפרעגונג, די נערוועזיטעט. „די פרייע ארבייטער שטימע" האט זיך געזוכט צו טרייסטען און טרייסטען די ראדיקאלע אידען אז גוישע ארבייטער האבען פארטיידיגט די אידען, אז די רע־וואלוציע וועט מאכען א סוף צו די פאָגראָמען. גלייכצייטיג האט זי געפונען פאר נויטיג צו לעזען נאָטאציעס „די יונגע אינטעליגענטע כחות וועלכע גרינדען גאַנץ נוצלאזע פעראיינען פון א כלומרשט׳דיגען אידישען כאראקטער (געמיינט די ניט לאנג געגרינדעטע פועלי ציון) און זיי געראטען זיך פאראייניגען אין איין גרויסער „קאמפפס־מחנה פאר דער רוסישער רעוואָלו־ציע". א באזונדערע אויפרודערונג פילט זיך אויף די שפאַלטען פון „פאָרווערטס" אין יענע שרעקליכע טעג און אין די נאכפאלגענדע וואכען.

דער „פאָרווערטס" האט גענומען אויף זיך די איניציאטיווע צו פאררופען אויף דעם 27טען אפריל א פארזאמלונג אין 414 גרענד סט. מיט׳ן צוועק צו שאפען הילף און איינארד־נען א דעמאנסטראציע. צוויי קאָנפערענצען זיינען פארגעקומען דעם 27טען אפריל און 3טען מאַי.

מאָנטאג דעם 11טען מאי ערשיינט אין „פארווערטס" אויף דער ערשטער זייט אן אויפ־רוף „צום אידישען פאלק" אונטערגעשריבען פון נאצ. ראד. פאראיין „פועלי ציון" (דאס איז די ערשטע געדרוקטע מעלדונג פון פועלי ציון אין „פארווערטס") דער רוף איז צו די אידישע מאסען ארגאניזאציעס צו קומען צו א קאנפערענץ דעם 13טען מאי און צו באשטימען דארט וועגען רופען א טרויער דעמאָנסטראציע אלס פראָטעסט געגען קעשענעווער פאָגראָם.

דער „פאָרווערטס" שטיצט יענעם רוף און מאכט דערביי פאָלגענדע באמערקונג: „די ציוניסטען האבען צום ערשטען מאל דערוויזען אז זיי ווילען העלפען דאס פאָלק ניט נור מיט שקלים און אקציעס און דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען, נור זיי זיינען פעהיג אויך צו פראָ־טעסטירען געגען טיראנײ."

די קאנפערענץ פון 13טען מאי איז געווען א ריזיגער ערפאלג, דער פלאץ (9 ראטגערס פל.) האָט זיך אַרויסגעוויזען צו קליין, האָט מען איהר אריבערגעפיהרט אין 414 גרענד סט. א קאָמיטע פון 30 איז געוועהלט געוואָרען דורכצופיהרען די דעמאָנסטראַציע. (פון דעם טרויער מארש האט זיך גארניט אויסגעלאזען, "יהוזיק", מאנכע געגאסען און אנדערע האבען אנגע־הויבען צו ארבייטען מעשים געגען דעם, איז דאָך אויף שפעטער ארויסגעקומען א ריזיגע פראָטעסט פערזאמלונג אין קארנעגי האל (27טען מאי), אויף וועלכער דער געוועזענער פרע־זידענט קליוולאנד האט אויך גערעדט. דער באשלוס פון די „פועלי ציון" צו רופען א טרויער דעמאנסטראציע קאנפערענץ איז אנגענומען געווארען אויף א זיצונג שבת דעם 8טען מאי 1903 (די מיטינגען פלעגען פארקומען שבת אוו.) אויף יענער פערזאמלונג האט מען אויך פאר־געלעזען און גוטגעהייסען „אונזער פלאטפאָרם" און באשלאסען עס דרוקען אין א בראָשור־פאָרם, אויך איז באשלאסען געווארען „צו זוכען באקאנט צו מאכען די אידישע אינטעליגענץ מיט אונזער פראָגראם און בעטען סימפאטי און מאראלישע שטיצע."

„אונזער פלאטפאָרם" איז ערשינען אין 8 זייטען מיט א פאָדער־בלעטעל, אויף וועלכען ס׳זיינען געווען געדרוקט די ווערטער:

אונזער פלאטפאָרם (אן אפיעל צו דער אידישער יוגענד פון אמעריקא, פון דער ראדיק. נאַצ. אָרגאַניזאציאָן „פועלי ציון" אין ניו יאָרק (דיזע בראשורע, צוזאַמען מיט 3 נומערן פון „די נייע שטימע" געקראָגען ביי ה. קהן וועמען עס קומט אנערקענונג פאר רעזערווירען דאָס ווערטפולע וואָרט פון די ערשטע פועלי ציון).

די פלאטפארם הויבט זיך אן מיט א פאררעדע אז

„מיר א טייל פון דער ברייטער אידישער מאסע, האבען זיך פארזאמעלט און צוזאמען באטראכט די אומשטענדען, אונטער וועלכע עס לעבט יעצט די אידישע מאסע, ווי אויך דאס גאנצע איד. פאלק; און באטראכטענדיג די אומשטענדען פון אונזער אינערליכען און אויסערליכען לעבען ארום אונז, האבען מיר געמוזט אנערקענען דעם פאקט, אז אין דער אידישער וועלט געהען יעצט פאר צוויי געוואלדיגע גייסטיגע שטרעבונגען: איינע פון זיי איז א נאציאנאלע און די אנדערע א ראדיקאלע, א דעמאקראטישע.“

דאן ערקלערט די פלאטפארם אז ביידע שטאמען פון אונצופרידענהייט מיט דער אונ־נארמאלער לאגע פון איד. פאלק, ביידע זוכען צו פארבעסערן די לאגע פון איד. פאלק, איינע דורך אנשליסען זיך אן וועלט פראלעטאריאט און די אנדערע דורך ארגאניזירען דאס פאלק צו באפרייען זיך אויף א פרידליכען וועג, ניט מאכענדיג קיין אונטערשיד צווישען די קלאסען און פאלק גופא. ביידע שטרעמונגען זיינען פיינדליך צווישען זיך.

זאגט די פלאטפארם אז „די פארשטעהער פון ביידע שטרעמונגען שטעהען אויף א פאלשען באדען, די און יענע האלטען זיך אן אלטע און אפגעלעבטע באגריפע און ווילען ניט וויסען פון די פאדערונגען פון נייעם לעבען.“

די פלאטפארם ערקלערט דאן דעם קלאסען קאמפף ווי אזוי ער האט געמוזט קומען, און אויך דעם נאציאנאלען קאמפף, ווי אזוי ער האט געמוזט קומען און ווי אזוי ער האט באאיינ־פלוסט דאס איד. פאלק, וואס האט דאס רעכט צו נאציאנאלער פרייהייט, פונקט ווי דאס פינלענדישע פאלק, די בולגארען, פאליאקען און אנדערע אונטערדריקטע פעלקערשאפטען. דאס וואס די אלע פעלקער זיינען ניט אפגעריסען פון זייער באדען און די אידען יא — מאכט די אויפגאבען שווערער, אבער ניט אונמעגליך. דאס פאלק וואס פיהלט זיך אלס פאלק, וואס וויל לעבען, האט דאס רעכט צו לעבען און וועט לעבען, ווייל עס באזיצט די נויטיגע פעהיג־קייטען און קראפט צום לעבענס־קאמפף.

„דער נאצ.־קאמפף, ווי אויך דער קלאסען קאמפף זיינען ניט געגען איינער דעם אנדערן, פארקערט, זיי זיינען צווייגען פון איין שטאם; זיי שטרעבען צו באפרייען די מענש־הייט מיט פארשידענע מיטלען, אויף פארשידענע וועגען.“

„אויפ'ן גרונד פון די געדאנקען“ זאגט זי פלאטפארם, „האבען מיר באשלאסען צו גרינדען אזא ארגאניזאציאן, אין וועלכער ביידע שטרעמונגען פון נאציאנאלען און קלאסען קאמפף זאלען זיך קאנען פארשטענדיגען און פאראייניגען. אן אפיל ווערט דאן געמאכט צו פאראייניגען „אונטער אונזער פאהן אלס וואס פיהלט און דיינקט עהרליך און ערדל אין דעם אידישען פאלק און שטרעבט און ארבייט און קעמפפט צוזאמען פאר זיין פאלקאמענער באפריי־אונג פון אייגענע און פרעמדע דריקעריי. דארט ווערט אויך אינפארמירט אז אין רוסלאנד עקזיסטירט שוין א פעדעראציע פון פועלי ציון מיט עהנליכע אויפגאבען, וואס האט שוין פיל אויפגעטאן און באקומען א גרויסע מאכט אין דער ארבייטער באוועגונג, ווי אויך אין דעם ציו־ניזם, און אז דער צוועק איז צו שאפען א וועלט באוועגונג.

אויך ווערט ערקלערט אז די „פועלי־ציון“ געהען ניט קעמפפען געגען וועלכער ס'איז אר־בייטער ארגאניזאציאן. פארקעהרט, זיי ווילען העלפען אלעמען, וועלכע „ארבייטען נאר פאר דאס וואהל פון דער אידישער ארבייטער קלאסע און דעם אידישען פאלק בכלל“. אונזער וואונש און וויכטיגסטע אויפגאבע איז אז די אידישע אינטעליגענץ זאל זיך מיט אונז פאראייניגען צו טראגען ליכט, וואס מעהר ליכט אונטער די ברייטע קרייזען פון דער אידישער מאסע, ליכ־טיגקייט ברייננגט צו מאלעראנץ און זעלבסט־באוואוסטזיין, זעלבסט באוואוסטזיין ברייננגט צו זעלבסט הילפע.“

דער הויפט פרינציפ פון די פועלי ציון איז דערפאר (אזוי זאגט די פלאטפארם) ביל־דונג פאר די אידישע מאסען („אלגעמיינע ענטוויקלונג אלס מענש; ענטוויקלונג פון זיין

קלאסען באוואוסטזיין אלס ארבייטער, אלס רעכטלאזער אויסגעבייטעלטער; ענטוויקלונג פון זיין נאציאנאלען באוואוסטזיין אלס קינד פון דעם פאלק וואס האט באשאפען א גרויסע רייכע קולטור, וואס האט גענומען אנטייל אין די שענסטע אידעאלען פאר דער מענשהייט, און אליין ווערט ער דאך טויזענדער יאהרען גערדיקט און געפייניגט, אהן א רעכט, אהן א היים, אהן א שוץ“.)

די פועלי ציון האבען באשלאסען גרינדען ביבליאטעקען, אבענד שולען, פאראנשטאלטען לעקציעס, דיסקוסיעס, ארגאניזירען גרופען צו לערנען נאטור און סאציאלע וויסענשאפטען, די לאנדעס־שפראך און טעכנישע ידיעות וואס זיינען נויטיג דעם ארבייטער. (פיעלע באשלוסען זיינען געבליבען ביז היינט אויפ'ן פאפיר).

דער צווייטער פרינציפ פון די „פועלי ציון“ איז עקאנאמישע טעטיגקייט, טרייד יוניאניזם זאל פארנעמען א וויכטיגען פלאץ, אויך געגענזייטיגע הילף, אין פאל פון קראנקהייט, פון א נויט. די פועלי־ציון זיינען פאר דער גרינדונג, פון הילפס־שפאר און לייה קאסען און קאנסום און פראדוקציאנס פאראיינען.

דער דריטער פרינציפ איז געזעלשאפטליכער אונטערהאלט, פראקטיש זאל דאס דורכגעפירט ווערען דורך גרינדען א כאר, אן ארקעסטער, דעקלאמאטארישע און דראמאטישע סעקציעס, אויך דורכפירען ארויספארען, עקסקורסיעס אויף דער יבשה און אויפן וואסער. די פלאטפארם דערקלערט צום סוף אז זי שטעהט אויפ'ן באזעלער פראגראם, פארשפרייט אקציעס פון דער באנק, שטיצט דעם נאצ. פאנד, נעמט אנטייל אין די ציון־קאנפערענצען און קאנגרעסען נעמענדיג אין באטראכט די דעמאקראטיזירונג פון ציוניזם, גלייכצייטיג ערקלערען די פועלי־ציון אז ס'איז זייער פליכט אין פאליטישען און עקאנאמישען קאמף צו געהן האנט אין האנט מיט „דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער פארטיי.“

א קוריאז אין דער פלאטפארם איז אן אויסדרוק פון טיפסטער סימפאטי צום „בונד“ פון ליטא, פוילען און רוסלאנד, דיזער סימפאטי אויסדרוק איז בעאיינפלוסט געווארען פון א. ליטווין, קאנטיג אז די „פועלי־ציון“ פון ניו יארק האבען נאך ווייניג, וואס געוואוסט פון דעם ביטערען קאמף וואס די פועלי ציון פון רוסלאנד האבען געהאט אויסצושטעהן מצד דעם „בונד. . . .“

אבער דער „בונד“ איז דאן ארויסגעשטעלט געווארען אין דער הערליכסטער ליכט, אורמעטום און איבעראל האט מען איהם פראקלאמירט אלס דעם רעטער פון די אידען. דער בעקאנטער דיכטער א. ליעסין האט עס דערקלערט אין מערערע „פארווערטס“ לייט ארטיקלען א קורצע צייט נאך דעם קעשענעווער פאגראם.

(דער ניו יארקער בר. פון „בונד“ האט זיך באנוצט מיט דער רעזאלוציע פון די פועלי־ציון און איז שפעטער געקומען צו זיי נאך הילף.)

„אונזער פלאטפארם“ האט ארויסגערופען אויפמערקזאמקייט און אינטערעס. דער „פארווערטס“ האט איהם זאגאר געווידמעט א באזונדערען לייט ארטיקעל (געשריבען פון אב. קאהאן זונטאג דעם 18טען יולי 1903), אונטערן נאמען „ראדיקאלע ציוניסטען“. קאהאן קאמפלימענטירט די פועלי ציון פאר דעם ריינעם אידיש און זאגט אז רעספעקט מוז מען צו זיי האבען, אבער די גרינדונג פון די פועלי ציון איז א באוויז געגען דעם ציוניסטישען געדאנק. פארוואס עפעס? טא, הערט זשע די „נאאיווע לאגישע אויספירונגען“ פון אב. קאהאן: „דער ציוניזם, זאגט ער, איז א נאציאנאלער געדאנק, וואס פאראייניגט אלע אידען אין איין נאציאן, און דא זעהען מיר גאר ווי די ארגאניזאציע פון דער פאראייניגטער אידישער נאציאן“ ווערט צוטיילט אויף בורזשוא־ציוניסטען און ארבייטער ציוניסטען“ (וואס דאס לעבען טוט אויף, זעלט די קארעספאנדענציעס פון אב. קאהאן פון ארץ ישראל אין יאהר 1925).

אין „פארווערטס" האט מען קאנטיג דאן דערפילט דעם פרישען ווינטעל, דאס לע־בעדיגע ווארט פון די „פועלי־ציון". צוזאמען מיט דער רעאקציע וואס איז אריינגעטראטען ביי פיעלע סאציאליסטען נאכ'ן קעשענעווער פאגראם האט זיך דערפיהלט א הילפלאזיגקייט אין די רייהען פון אידישע סאציאליסטען, מאנכע מאל פלעגען ערשיינען לייט ארטיקלען אין „פארווערטס" וואס טהוט מען, א. ליטווין דערלויבט זיך אפצודרוקען דעם 25טען מאי אין „פארווערטס" אן ארטיקל „און אפשר".

דארט זאגט ער זיך ארוים אז מען דארף העלפען כאטש דעם טייל פון דער מאסע וואס קעמפט פאר א היים וואו זיי זאלען קאנען זיכער זיין, וויניגסטענס, פון פאגראמען און אנטי־סעמיטיזם. דער „פארווערטס" איז ארויס אויף מארגען מיט א באמערקונג אז ליטווין'ס מיי־נונגען ווערען ניט געטיילט פון „פארווערטס".

אבער די פראגע פון ציוניזם און נאציאנאליזם איז געשטעלט געווארען אויפ'ן טאג ארד־נונג, און דעם 14טען יוני 1903 זיינען אין "פארווערטס" אויף א פערמאנענטען פלאץ ארויס־גערופען געווארען די ציוניסטען אויף א דעבאטע „ציוניזם אדער סאציאליזם" (אלס דעבא־טאנט פון „פארווערטס" האט מען ארויסגעשטעלט ל. ע. מילער'ן (מיטרעדאקטאר פון „פאר־ווערטס", וועלכער איז געווען בעקאנט אלס גרויסער רעדנער).

די פועלי־ציון האבען אפגעהאלטען א זיצונג דעם 16טען יוני 1903, און באשלאסען צו געבען אין נאמען פון פאראיין אן ערקלערונג וועגען זייער שטאנדפונקט אין דער דעבא־טע. (די פועלי ציון האבען קאנטיג ניט געקאנט באטייליגען זיך אין א דעבאטע פון ציוניזם אדער סאציאליזם, וויל זיי זיינען פאר ביידע. און אפשר האט מען זיך אויך געשראקען פאר'ן גרויסען רעדנער, אייגענע „פראמינענטע" רעדנער זיינען נאך ניט געווען, און מערערע מאל הא־בען די פועלי ציון געמוזט „בארגען" דעם רעוו. זעף אלס רעדנער אויף זייערע פארזאמלונ־גען).

שפעטער האבען די פועלי ציון יא געהאט א דעבאטע מיט דעם סאצ. דעמאקראטישען קלוב (פון די פועלי ציון זיינען געווען 4 דעבאטאנטען, גאלדבערג, גודמאן, ליטווין און אראנ־סאן. די פועלי ציון האבען „צושמעטערט" די געגנער, אזוי גיט מען איבער, נאך יענער דע־באטע איז יענער פאראיין פארשוואונדען געווארען).

די געפאהר פון דער „עפידעמי פון נאציאנאליזם" ווי מען האט עס דאן אנגערופען איז געווארען אזוי גרויס, אז די צענטראלע קאמיטע פון ניו יארקער סאציאליסטישער פארטיי האט אנגענומען א רעזאלוציע ווארנענדיג די אידישע סאציאליסטען ניט צו פארגעסען דעם סאציאליזם, ווארנענדיג זיי ניט צו ווערען אידישע נאציאנאליסטען.

מ. גילים איז אויך ארויסגעטראטען געגען דער „עפידעמי" ערקלערענדיג אז דער נא־ציאנאליזם וועט באלד פארשווינדען, ער האלט ניט פון נאציאנאליזם.

יוסף באראנדעס, שוין דאן א בעקאנטער אידישער ארבייטער פירער, האט עפעס אויך אנגעהויבען אונטערזינדיגען מיט'ן נאציאנאליזם, טראצדעם וואס ער האט געמאכט אן ער־קלערונג דעם 26טען יוני 1903 אין „פארווערטס" אז ער איז נאך ניט קיין ציוניסט, אבער ער איז ניט פיינדליך און אויב די ציוניסטען זיינען איינפערשטאנען אז ער זאל פראפאגאנ־דירען אין זייערע רייהען דעם סאציאליזם, דאן „ווערי וועלל" (זיינע ווערטער).

דער "פארווערטס" האט סוף יוני 1903 געהאט אויך א לייט ארטיקל פון מילער'ן ערקלערענדיג אז „ס'איז אונזיניג פון ראדיקאלע ציוניסטען אדער ציוניסטישע ראדיקאלען צו האפען אוי גלויבען דאס מען וועט קאנען ווען צוזאמענגענעמען דאס גאנצע פאלק, אי שינדער, אי געשונדענע, און זיי צוריקברייגגען אין דאס לאנד וואו אויף דעם קבר פון אלטען אידענטום וואקסט א גראז וואס איז 2000 יאהר אלט (ווי געפעלט אייך אזא „פערל"?)

א זעהר שטארקען איינדרוק האט געמאכט דר. ה. זאלאטארעוו (אנארכיסטישער פיה־רער) מיט זיינע „ערנסטע פראגען“ (געשריבען אין „פרייע ארב. שטימע“ מאי 23 און מאי 30טען 1903), דארט דערהערט זיך דער וועה געשריי פון א אידישען ראדיקאל; אפען זאגט ער אז „אונזער לעבענס־טעטיגקייט איז אין די רייהען פון פאלק . . . בלינד דארף מען זיין ניט צו זעהן דעם מעכטיגען שטראם פון נאציאנאליזם, ניט פון רעליגיעזען נאצ. נור פון קולטור פאליטישען נאציאנאליזם, וואס צוגיסט זיך איבער אלע לענדער. די אומשטאנדען וואס רו־פען איהם ארויס זיינען צו מעכטיג... עס איז נור אויך דער באוואוסטער ווידער־קול פון אונזער אייגענע נשמה, פון יענעם וועהגעשריי פון אידישע מארטירער, וואס כאפט אונז ארום ווי א פלאם־פייער . . . מיר זאלען זוכען צו גרופירען די מאסען אין צענטערן וואו די גאנצ־קייט זאל אפגעהיט ווערן, וואו עס זאל געזיכערט ווערען א פרייערער און בעסערער געזעל־שאפטליכער לעבען פון אונזער פאלק.“ נו, נו! האט זיך אנגעהויבען אין דער „פרייע ארב. שטימע“ א קאמפאניע געגען דעם ארעמען זאלאטארעוו'ן, געגען נאציאנאליזם (זאלאטארעוו איז דאן נאך ניט געווען פאר'ן ציוניזם).

די „פרייע ארב. שטימע“ האט זאגאר געווידמעט א גאנצען נומער צו באקעמפען די „נאציאנאליזם־עפידעמי,“ כמעט דער איינציגער, אויסער זאלאטארעוו'ן, וועלכער האט גע־זאגט א ווארעם ווארט אין „פ. א. ש.“ איז געווען אונזער חבר אב. גאלדבערג (ער האט בכלל זעהר גרויסע פארדינסטען פאר זיינע מערערע אויפקלערונגס־ארטיקלען און פראפאגאנדא פאר'ן פועלי ציוניזם. ער איז געווען צו יענער צייט א וואונדערבארער כח אין דער יונגער פועלי ציון ארגאניזאציע). די אנארכיסטען האבען געשאסען אויף די "ציוניסטען" (פועל „צ“) מיט די קאנאנען פון זייערע בעסטע רעדנער, ווי עמא גאלדמאן, דר. מ. קאהן, יאהאן מאסט, און וויינבערג, אבער די פועלי ציון זיינען דאך ארוים מיט גאנצע ביינער, און אויף שבת נחמו (8טען אויגוסט 1903) ווערט איינגעארדענט אן ערעפנונגס־פעסט פון די פועלי־ציון אין 214 ברום סט. אין אן אנאנסע ווערט ברייט באטאנט אז אזא וואס איז נאך ניט געהערט געווארען, מען וועט זינגען צום ערשטען מאל די „התקוה“ און „מארסעליעזע“ און אנדערע נאציאנאלע און רעוואלוציאנערע „סאנגס“. אלס רעדנער זיינען אנאנסירט רעוו. זעף, באראנדעס און פעטערבורגער סטודענט באבקאוו; אלס פארלעזערס און דעקלאמא־טארס, אב. גאלדבערג, ליטוויו, ליבין, מ. ראזענפעלד און פריילין ליפשיץ. איינגעלא־דען ווערען בונדיסטען, סאציאליסטען, אנארכיסטען, ציוניסטען און אנדערע, איינטריט 15 סענט (א געוואלדיגע סומע אין יענע צייטען). דער יום טוב איז געווען העכסט ערפאלגרייך. ביסלעכווייז בריימעט זיך אויס דער קרייז, עס קומען צו וויכטיגע טוער, ווי ברידער „פייפמא־כער, ה. קאהאן, א. ש. וואלדשטיין און אנדערע, מען הויבט אן טראכטען וועגען אן אייגענעם זשורנאל, אן אייגענע פלאטפארם, דער סוף פון 1903 אין די ערשטע מאנאטען פון 1904 געהען אוועק אין אינערליכע ארבייטען, פארפעסטיגונג, צוגרייטונגען. אין מאי 1904 ערשיינט דער ערשטער נומער פון א דריי מאנאטליכער שריפט „די נייע שטימע“. אלס מאטא שטעלט זיך דער זשורנאל „די אמת'ע באפרייאונג איז זעלבסט באפרייאונג“. דער ערשטער נומער האט פאלגענדען אינהאלט: פארווארט, ראדיקאלער ציוניזם, ציוניזם אלס רעוואל. באוועגונג, פועלי ציון און דער בונד, די שבועה (פ"צ ליד). רעדאקצ. נאטיצען. די צוויי דורות (סקיצע) צום קאמף (געדיכט) א רחמנות (סקיצע) פעליעטאן, אפאריזמען און אנעקדאטען.

„די נייע שטימע“ האט ארויסגערופען אויפמערקזאמקייט צווישען דעם עולם און אין דער פרעסע, דער זשורנאל האט אריינגעגאסען א כוואליע פון ענטוזיאזם אין די אייגענע רייהען און צוגעצויגען נייע מענשען.

אלס טרעזשורער איז באשטימט געווארען מ. גודמאן. די רעדאקציע איז בעשטאנען פון א קאלעגיאום פון ש. ערענסאן, גאלדבערג, ליוויי, ה. קאהאן (גענוי אומבעקאנט).

אין דער צייט ווען אין ניו יארק האט געלעבט און געקעמפט א פועל ציון פאראיין, און

עס האָט צייטענווייז געשטורעמט מיט איהם האָט מען פון אנדערע שטעדט ניט געהערט פון א פועלי ציון פאראיין.

ערשט אנהויב יוני 1904 איז געבארען געווארען אין פילאדעלפיא די ערשטע גרופע פועלי ציון (די ערשטע זיבען זיינען געוועזן חיים פיינמאן, דר. סלאָנימסקי, עדעלשטיין, קורנאס, מייקעל בראון, מאיר בראון און בריק), די גרופע האט גארנישט געוואוסט וועגען א פועל ציון באוועגונג אין אנדערע לענדער, אפילו ניט וועגען ניו יארקער פועלי ציון, ס'איז כאראקטעריסטיש אז די ערשטע פראָגראם און די ערשטע מיטינגען זיינען געפירט געווארען אין ענגליש. פון זיך אליין איז אויסגעוואקסען די פועלי ציון גרופע, זיך אליין געשאפען א טעארי, און אייגענע פראָפאגאנדאַ.*) איך דערמאן זיך ווי סלאָנימסקי (געוואָרען נאָכדעם פראָפעסאָר) האט אין יולי 1904 גלייך נאך דעם מארד פון פלעווע (רוסישער מיניסטער) געהאלטען א פייערדיגע רעוואלוציאָנערע רעדע אויף דעם פועלי ציון מיטינג, באגריסענדיג אלס אידישער רעוואלוציאָנער, אלס פועל ציון די רעוואלוציאָנערע טאט פון רוסלאנד.

די גרינדונג פון פילאדעלפיער פועלי ציון האט אויך ארויסגערופען א שטורם צווישען די געגנאסען, מען האט אנגעהויבען צו באזוכען די פערזאמלונגען אין די צעהנדליגע, אפט פלעגט א פועלי ציון פערזאמלונג האבען א באזוך פון קרוב צו 100.

אין אויגוסט דערוויסט זיך ה. עדעלשטיין (טראגיש אומגעקומען אייניגע יאהרען שפעטער, א מערקווירדיג ענערגישער מענש און ליבליכער חבר געווען) פון „פארווערטס“ נאָטיץ אז עס עקזיסטירט אין ניו יארק א פועלי־ציון פאראיין. די נייעס רופט ארויס אן אינטערעס, עס הויבט זיך אן א קארעספאנדענץ און די פילאדעלפיער גיבען זיך אויך א נאָמען "נאצ. ראד. פאראיין פועלי ציון.*)

אייניגע מאנאטען שפעטער שליסט זיך אן אין דעם פעראיין א גרופע פון רוסישע חברים (מיט חבר שניאור אן דער שפּיץ), דער פאראיין ווערט „אידישער“, די מיטינגען הויבט מען אן צו פירען אויף אידיש, און אייניגע פון זיינע גרינדער פארלאזען אים (פון די גרינדער

---

*) דער איניציאַטאָר איז פאקטיש געוועזן יחזקאל עדעלשטיין, וועלכער איז זייט 1900 געוועזן אן אקטיווער טוער אין די פילאדעלפיער קאָאָפּעראַטיווען און אין די טרייד־יוניאָניסטישע און אנארכיסטישע באוועגונגען און האָט צו דער זעלבער צייט געהאַט דעם מוטה צו געהערן צו די אלגעמיינע ציוניסטען. אין 1904 איז ער געקומען צום שלוס, אז עס איז אונמעגליך פאר איהם אזוי ווייטער צו לעבען און אז מען דארף שאפען אן ארגאַניזאציע, וועלכע זאָל פאראייניגען אין זיך סיי די ציוניסטישע און סיי די סאציאליסטישע טהעטיגקייטען. ער האָט זיך וועגען דעם געוועגדעט צו זיינע געגנאסען און זיי האָבען איהם אויסגעלאכט. אין יוני, 1904, איז ער אָבער צופעליג געקומען אין בארירונג מיט א 4—3 ענגליש־שפרעכענדע אידישע סטודענטען, וועלכע זיינען געוועזן סאציאליסטען און נאציאָנאליסטען און ער האָט אויסגעפונען, אז אויך זיי טראכטען פון דער נויטווענדיגקייט פון באשאפען אן אנטי־אסימילאטארישען סאציאליזם, וועלכער זאל זיין א סינטהעז פון סאציאליזם און ציוניזם. ער האָט פארגעשלאגען אז זיי זאָלען צוזאמענרופען א פריוואטע פארזאמלונג כדי זיך דורכשמועס'ן וועגען דעם ענין. צו דער אייגער פארזאמלונג האָט עדעלשטיין געבראכט די בראָון ברידער, און אונטער אזעלכע אומשטענדען איז באשאפען געוואָרען אן ארגאַניזאציע מיט'ן נאָמען Zionist Socialist group.

די ענערגיע און דער ענטוזיאזם פון חבר עדעלשטיין איז געוועזן דער הויפט שאפענדער כח אין דער נייער ארגאַניזאציע. ער איז געוועזן פאר דעם, אז מען זאָל אויך ערלויבען אידיש אין דעם פאראיין כדי פּראָלעטארישע עלעמענטען זאלען קענען אריינטרעטען; און ער האָט שפּעטער געמאלדען וועגען דעם עקזיסטענץ פון דעם ראדיקאל־נאציאָנאלען פאראיין פוע"צ אין נויארק און האָט פארגעשלאָגען אז מען זאָל אננעהמען דעם נויארקער נאָמען און שטעלען זיך מיט די נויארקער אין פארבינדונג. די גרינדער זיינען אבער געווען געגען: דער נאָמען ראדיקאל־נאציאָנאל איז פאר זיי ניט געווען גענוג ענטשפּרעכענד. ווארום באהאלטען זיך פון סאציאליזם? דער נאָמען פועלי ציון איז אָבער יאָ געווען אננעהמבאר, ווייל די ווערטער זיינען געווען העברעאישע און האָבען אויסגעדריקט א וויכטיגען געדאנק. דער פארשלאג איז ענדליך אנגענומען געוואָרען מען זאָל זיך אנרופען פועלי ציון — Zionist Socialist Society און אז פּראָטאָקאָלען זאלען געפיהרט ווערען אין אידיש און אין ענגליש.

אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט עדעלשטיין פארקניפּט דעם ערשטען פארזוך פון היגע איינגעבארענע עלעמענטען צו באשאפען א ציוניסטישען־סאציאליזם מיט דעם פועלי ציוניסטישען פארזוך אין נויארק און האָט אוועקגעלעגט דעם יסוד פאר דער פועלי־ציון פארטיי אין אמעריקא. (רעד.

איז פון קורנאס געווארען א באדייטענדער אידיש־ענגלישער שריפטשטעלער, סלאָנימסקי א פּראָפעסאר, און א דריטער א מאלער), פארבליבען פון די ערשטע זיבען גרינדער זיינען בלויז חברים חיים פיינמאן און דער שרייבער פון דיזע שורות.

דער פילאדעלפיער פועלי ציון פאראיין האט אריינגעגאסען א שטראָם פון באגייס־טערונג אין ניו יארקער פאראיין, אדער בעסער געזאגט פאראיינען (ס'איז צוגעקומען נאָך איי־נער). ניו יארק האט שוין דאן צוגעקראָגען די חברים ב. צוקערמאן, אבערסאן, אסתר מינץ, ראזאווסקי, שאלמאן און שפעטער אויך דר. קאפּעלעוויטץ און מאדאם פעווזנער.

פילאדעלפיער פאראיין ארדענט איין דעם ערשטען מאסן־מיטינג מיט חבר אב. גאלד־בערג פון ניו יארק.**) עפּעס האָט דאָס הארץ געציטערט, מען האָט געוואוסט אז געגאָסען גריי־טען זיך צו באָמבארדירען דעם רעדנער מיט פראגען און וועלען זוכען צו דער'הרג'נען מיט זייערע ארגומענטען דעם רעדנער מיט אלע פועלי ציון פון פילאדעלפיא.

אז מען האט דערזעהן א נידריגען יונגען מאנטשיק האבען אייניגע זיך איבערגעקוקט, אָט דאָס איז דער רעדנער? דער זאָל איז געווען געפּאקט, גאָלדבערג האָט געהאַלטען א „שטאר־קע" רעדע, אפעלירט צום הארץ, געזוכט צו ווירקען אויפ'ן מח. געגאסען האבען ארגומענטירט און פון דער דעבאטע איז גאלדבערג ניט נור ארויס מיט גאנצע ביינער, נאר אויך א זיגער; דער קורס פון פילאדעלפיער פועלי ציון האט זיך גלייך אויפגעהויבען. ווען שפּעטער איז אראָפּגעקומען אבערסאן און מיט זיין דונערנדער שטימע און ציטאטען האט ער „צושמעטערט" די געגנער, האָבען זיך די פילאדעלפיער פועלי ציון געפיהלט זעהר יום טוב'דיג און ארבייטס־לוסטיג.

די ניו יאָרקער פועלי ציון האָבען אין מיטען יאהר 1904 דורכגעלעבט א שטורעמדיגע צייט; דער טויט פון דר. הערצל אין יולי 1904 האט געבראכט טיפען טרויער אין די ציו־ניסטישע רייהען, איינגעשלאָסען די פועלי ציון. און אין יענער צייט פון וועהטאג און לייַ־דען זיינען א פּאָר סאציאליסטען ארויס מיט שענדליכע אטאקעס אויף הערצל'ס נאמען. די פּועלי־ציון פון ניו יארק זיינען אויפגעקאכט געווארען, און ארויסגעלאזען א צירקולאר אונ־טער'ן נאמען „די ווארהייט". דער ליפלעט איז געווען געשריבען מיט כעס, מיט וועהטאג און איז געווען גאנץ „פעפערדיג", מיט אייניגע זידל־ווערטער, עס איז געווען געשריבען אונטער'ן אימפולס פון מאמענט. די געגנאסען האבען עס ניט געקאנט פארטראגען. האט „די ארביי־טער וועלט" (א צייטונג פאר די אינטערעסען פון טרייד יוניאניזם) שטארק אנגעזידעלט די פועל־ציון. און די סאציאליסטען האבען באשלאסען די פועלי ציון געבען א לעקציע און אר־בייטער סאלידאריטעט. זיינען געקומען 3 פון זיי, ב. פייגענבוים, מ. גילים און דזשאזעפּסאן צו א פועלי ציון פארזאמלונג (יענע איז געווען געפאקט,אויף די פליגלען פון ווינט האט זיך צעטרא־גען אז עס וועט זיין "לעבעדיג" ביי די פּועלי ציון), זיינען זיי געקומען די סאציאליסטישע גדולים און . . . האבען זיי אריינגעכאפּט א גאב. חברים מ. גודמאן און א. גאלדבערג האבען זיי געענטפערט, אבער דער העלד יענעם אווענט איז געווען חבר מ. ג ו ד מ א ן, דער עולם האט שטורמדיג צוגעשטימט צו גודמאנ'ס סארקאסטישע ווערטער.

אין סעפּטעמבער איז ערשינען אן אויפרוף פון די פועלי ציון פאר דער גרינדונג פון א

**) די פילאדעלפיער חברים קוקען אבער מיט חשד אויף דער נויארקער ארגאניזאציע, עס געפעלט זיי ניט די נויארקער פּראגראם: די נויארקער רופען זיך אָן „ראדיקאלע" נאציאנאליסטען און האָבען, ווי עס ווייזט אויס, מורא פאר'ן סאציאליזם; זיי זיינען בלויז א דיסקוסיע גרופּע, וועלכע לייגען דעם הויפּט געוויכט פון טהעטיגקייט אויף נאאיווע באגריפען פון ערציהונג, און זיי פארדרעהן א קאָפּ מיט „בונד" און רוסלאנד. מען קען זיי אלזא ניט געטרויען. דער פאראיין שטעלט אלזא ארויס חבר סלאָנימסקי אלס ענגלישען רעדנער, און א ספעציעלער קאָמיטעט ווערט ערוועהלט צו באגעגענען זיך מיט גאלדבערג'ן און עקזאמינירען איהם איידער ער וועט אדרעסירען די פארזאמלונג. עדעלשטיין אלס חבר, וועלכער פארשטעהט ביידע שפּראכען, ווערט ערוועהלט פאר־זיצענדער כדי מען זאָל קענען פאררעכטען די טעות'ן וואָס גאלדבערג קען פיליכט מאכען. (רעד.

וואכענבלאט. די ווענדונג איז געווען אויך צו די ציוניסטען, אנווייזענדיג אויף דער וויכטיגקייט פון געדרוקטען ווארט. „די נייע שטימע„ נו. 2 האט ארויסגערופען מער אינטערעס און ענטוזיאזם.

די פועלי ציון האבען זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען צו פארשפרייטען, פילע אריבערגעקו־מענע האבען זיך אנגעשלאסען אן די פועלי ציון רייהען, פארבינדונגען האבען זיך איינגעשטעלט מיט רוסלאנד. פאראיינען זיינען צוגעקומען אין שיקאגא, טרענטאן, ניו־יארק. מען האט אנגע־הויבען טראכטען וועגען צונויפרופען א קאנפערענץ פון אלע פועלי ציון פאראיינען.

עס איז ענדליך באשטימט געווארען אפצוהאלטען א קאנווענשאן, און די ערשטע קאנ־ווענשאן פון די פועלי ציון איז אפגעהאלטען געווארען אין פילאדעלפיא דעם 29־טען, 30־טען אפריל און 1־טען מאי 1905. די קאנווענשאן האט זיך אויסגעצייכענט מיט דראמאטישע מא־מענטען. צו יענער צייט איז ברענענד געווארען די פראגע פון טעריטאריאליזם, דער עיקר די פראגע וועגען אוגאנדא. די מערהייט פון די פועלי ציון דעלעגאטען איז געווען פאר טעריטאריא־ליזם, ריינע פאלעסטינצעס־דעלעגאטען זיינען געווען 6. די לופט איז געווען פול מיט פולווער, שפאלטונג האט געדראהט אויף שריט און טריט. אבער די דעלעגאטען האבען דאך געפיהלט די פאראנטווארטליכקייט. זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק אז די יונגע, ערשט ניט לאנג געשאפענע פועלי ציון פארטיי, האט גלענצענדע מעגליכקייטען, אז שפאלטונג מיינט אפשר פארניכטונג פון דער יונגער באוועגונג. די קאנווענשאן האט זיך ניט געשפאלטען. א נייטראליטעט רעזאלוציע צו דער טעריטאריאלער פראגע איז אנגענומען געווארען. מען האט געווארט אויפ'ן 7־טען ציוניסטישען קאנגרעס, אפשר וועט דער קאנגרעס געפינען אן אויסוועג. דערווייל איז גע־וועהלט געווארען אן אקציאנס קאמיטעט.

מען איז זיך צופאהרען מיט גלויבען און ענטוזיאזם אין דעם שטייגענדען איינפלוס און כח פון די פועלי ציון.

אבער דאס לעבען איז אפט דער ערגסטער שונא פון קאמפראמיסען. דער 7־טער ציוניס־טישער קאנגרעס האט יא געזעהען פאר זיך א שפאלטונג, די טעריטאריאליסטען האבען זיך אפ־געטיילט און מיט זאנגוויל'ן אין דער שפיץ צוגעטראטען צו דער גרינדונג פון „י. ט. א.“.

אויפ'ן ציוניסטען קאנגרעס אין 1905 זיינען געווען 2 אמעריקאנער דעלעגאטען פון אונ־זערע חברים (חיים פיינמאן, פארטרעטענדיג די „פאלעסטינצעס“ און אווערבוך פארטרעטענדיג די סאציאליסטען־טעריטאריאליסטען).

די פועלי־ציון פארטיי, בלייבענדיג ארגאניזאטאריש גאנץ, איז אבער אידעאלאגיש געווען שוין צוטיילט, און ניט אומזיסט האט זיך דערפאר אין ניו־יארק געבילדעט א פאראיין פון פועלי־ציון־פאלעסטינצעס, וועמען ס'איז ניט געפעלען געווארען די נייטראליטעט רעזאלוציע פון פילא־דעלפיער קאנווענשאן. דער פאראיין האט באמת היסטארישע פארדינסטען פאר אונזער איצטי־גער פארטיי, ער האט צוגעגרייט דעם באדען פאר דעם באשאפען פון אונזער פועלי ציון פארטיי, און פאר דאס פאהרופען פון דער אמת'ער קאנווענשאן פון די איצטיגע פועלי ציון, וואס איז פאר־געקומען אין באלטימאר פון 21־טען ביז'ן 24־טען דעצעמבער, 1905.

אבער פאר דער באלטימארער קאנווענשאן, מיט אייניגע מאנאטען פריהער, באלד נאכ'ן ציוניסטישען קאנגרעס, האט דער אקציאנס קאמיטעט פון די פועלי ציון פארופען אויפן 27־טען אויגוסט 1905 אן אלגעמיינע זיצונג צו באטראכטען די נייע־געשאפענע לאגע. נאך א גענויער בא־טראכטונג האט די זיצונג אנגענומען א באשלוס אז די פועלי ציון פארטיי זאל בלייבען פאקטיש עקזיסטירען אלס איין פארטיי פאר די אלע פרינציפען, וואס זיינען אלגעמיין פאר ביידע ריכטונ־גען און צוטיילט זיך בלויז אין דעם פונקט, איבער וועלכען יעדע ריכטונג האט זיך איהר מיינונג.

צו דערזעלבער צייט, דערקלערט דער אקציאנס קאמיטעט אז נייטראלע פאראיינען ווע־לען מעהר ניט גערולדעט ווערען. יעדער פאראיין מוז וויסען אויף וואס פאר א באדען ער שטעהט

און טאן זיין ארבייט פאר די פארטיי אינסטיטוציעס וואס פארטרעטען זיין מיינונג בנוגע דער טעריטאריאלער פראגע.

עס גרינדען זיך אין דער פארטיי צוויי צענטראלע קערפערשאפטען, א פאלעסטינישע און א טעריטאריאליסטישע, יעדע פון וועלכע וועט נעהמען אכט אויף איהר ארבייט.

עס איז גלייכצייטיג באשלאסען געווארען אז אלע פאראיינען זאלען אפשטימען דעם טעריטאריאלען פונקט, זיך גרופירען לויט דער אפשטימונג, און דאן זיך אנשליסען אי אין אן אקציאנס קאמיטע, וואס פארטרעט די גאנצע פארטיי, אי אין דער ספעציעלער קערפערשאפט, וואס איז געשאפען ספעציעל מיט'ן צוועק אויפצופאסען איינע אויף די פאלעסטינישע און די אנדערע אויף די טעריטאריאליסטישע ארבייטען.

דעם באשלוס האט מען פרובירט דורכפיהרען, אבער ער האט געמוזט פיהרען לאגישערווייזע צו דעם פאנאנדערטיילען פון דער פארטיי.

עס איז געווען א פאטעטישער באשלוס — די באשטימונג פון דער פועלי ציון פארטיי צו בלייבען גאנץ, דער שונא דרויסען איז געווארען שטארקער, דרייסטער, עס האט זיך געפאדערט אזוי פיל אנשטריינגונג אין יענער צייט, עס האט זיך געהאלטען ביים פונאנדערפלאקערן דער קאמף ארום דער זעלבסטפארטיידיגונג. עס זיינען געווען אזוי פיל היגע פראבלעמען צו לעזען, איז עס א וואונדער וואס מען האט געזוכט אויסמיידען א שפאלטונג?

אבער עס איז דאך געווארען אונפארמיידליך, און סוף דעצעמבער איז אין באלטימאר פארגעקומען די ערשטע קאנווענשאן. פאלגענדע דעלעגאטען זיינען געקומען צו דער קאנווענשאן: א. ש. וואלדשטיין, ה. עדעלשטיין, אבערסאן, דר. קאפעלעוויטש, מ. גודמאן, דר. מארקוס, מאסטעראוו, מ. בראון, דר. ה. זיידעל, ה. כהן, ש. פעוזנער, א. מינץ, ח. פיינמאן, א. זעלדין, היטעלמאן, פינס, ראזאווסקי, פינסקי, מערלין, אפעלבוים און באראן.

דארט איז אנגענומען געווארען א נייע פלאטפארם, א קלארע שטעלונג צום ציוניזם, צום סאציאליזם, צו יוניאניזם, צו פראקטישע ארבייט פאר ארץ ישראל. העברעאיש איז אנערקענט געווארען אלס די נאציאנאלע שפראך, א שטעלונג צו „יטייא" און סאצ.-טער. (אנערקענט די וויכטיגקייט פון אגיטאציע פאר אן אייגען לאנד אבער קאמפס-ערקלערונג געגען טעריטאריאליזם אויסער ארץ ישראל). עס איז באשטימט געווארען ארויסצוגעבען א וואכענבלאט, וואס איז מעגליך געווארען א דאנק די אנשטריינגונגען פון א גרופע חברים, דער עיקר פון חבר עדעלשטיין. דער „איד. קעמפער" איז ערשינען 30-טען מערץ 1906.

איך האב נאך גערדיינקט זיך אפשטעלען אויף איינינע וויכטיגע מאמענטען אין דער פועלי ציון באוועגונג, און עס דערפירען ביז דער פאראייניגטער קאנפערענץ אין שיקאגא אין סעפטעמבער 1909 וואס איז געווען א ווענדונגס-פונקט אין אונזער פארטיי. אבער דער ארטיקעל האט זיך שוין אזוי אויך פארצויגען, און איך מוז ענדיגען.

דער פועלי ציוניזם איז פארבליבען די מעכטיגסטע אידעע אין אידישען ארבייטער לעבען, ער האט דורך קאמפף ערוואָרבען זיך א פאזיציע אין אידישען ארבייטער לעבען. א שטיק נייע אידיש ארבייטער לעבען איז א דאנק איהם אויסגעשמידט געוואָרען אין דער אידישער ארבייטערשאפט. א שטיק נייע אידיש ארבייטער לעבען איז פון איהם באשאפען געוואָרען, דער פועל ציוניזם האט טריאומפירט איבער זיינע געגנער, ער איז פארבליבען די איינציגע וועלט-באוועגונג פון אידישע ארבייטער.

אין יעדען לאנד איז דער קאמפף באזונדער געפיהרט געוואָרען, די יאהרען פון 1903-1905 אין אמעריקא זיינען פול מיט דראמאטישע מאמענטען, זיי האבען אויסגעטראטען דעם וועג פאר ד יערשט פארענדיגטע 20 יאהר טעטיגקייט פון די היגע פועלי־ציון.

עס איז צייט אז דער וועלט פארבאנד זאל זיך נעמען צו דער ארויסגאבע פון דער געשיכטע פון פועלי ציון אין אלע לענדער. עס וועט זיין אן הערליכער קאפיטעל פון אידישער ארבייטער טעטיגקייט אין אלע לענדער.

צוואנציג יאהר פועלי־ציוניזם אין אמעריקא

(איינינע געדאנקען)

פון ב. צוקערמאן

די טעמע פאָרדינט אַן ערענסטע, אויספיהרליכע באהאנדלונג. ניט אין דיזען יובעל־שריפט איז דער פּלאַץ פאר דעם. דאָ וויל איך בלויז אנווארפען איינינע געדאנקען, הויפּטזעכליך וועגען דעם אונטערשייד צווישען דעם פועלי־ציוניזם אין אייראָפּא און אין אמעריקא.

אויסגעוואקסען איז דער פועלי־ציוניזם אין א מערקווירדיגער צייט. די אייראָפּעאיש־אידישע גאס איז געשטורעמט געווארען פון צוויי געדאנקען־שטראָמען. איין שטראָם האט זיך אריינגעריסען דורך דעם רוף פון דר. הערצעל, ברייגגענדיג די האפנונג אויף נאציאנאלער ווידערגעבורט דורך א יודענשטאַדט אין ארץ־ישראל. דיעזער שטראָם האט אין דער ווירקליכקייט כמעט איבער־באשאפען דעם וואונדערבארען חזיון פון יחזקאל הנביא, ווי עס לעבען אויף די עצמות היגשות. דער צווייטער שטראָם — דער סאציאליסטישער — האט אריינגעשטורעמט אין דער אידישער גאס און האט פארכאפּט קאָפּ און הארץ פון א טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ און פון דעם אידישען בעל־מלאכה.ביידע שטראָמען האבען, ווי נייע ענטפּלעקונגען, זייערע אנהענגער פאלקאם באצוואונגען. מיט דער הילף פון דעם אלטען איינגעוואָרצעלטען „לא יהיה לך אלהים אחרים על פני“ האט דער אנהייגגער פון איין שטראָם פאָלקאם אויסגעשלאסען פון מח און נשמה דעם צווייטען שטראָם. איז ענטשטאַנען א קאמף אין דער אידישער וועלט, וועלכער האט געבראכט מערקווירדיגע היסטאריש־וויכטיגע רעזולטאטען. איינער פון זיי — אין מיינע אויגען, איינער פון די וויכטיגסטע — איז געווען: דאס געבורט פון פועלי־ציון.

פועלי־ציוניזם איז געווען דער סינטעז פון ביידע שטראָמען. פועלי־ציוניזם האט פּראָקלאמירט א פשוטען, קלארען אמת: די אידישע מאסען נויטיגען זיך אין ביידע שטראָמען. ווייל די ביידע שטראָמען זיינען זיך ניט סותר. פארקעהרט — די אינטערעסען פון דעם אידישען מאסען־מענש מאכען פון ביידע שטראָמען איין לעבענס יסוד פאר וועלכען עס איז כדאי צו לעבען און צו שטארבען. כדי צו דערגרייכען פאלשטענדיגע מענשליכע און נאַציאָנאלע פרייהייט מוז די אידישע מאסע אין זיך פאראייניגען און אין איהר לעבען אריינפיהרען דעם ציוניזם־סאציאליזם. אהן איינעם פון זיי בלייבט די אידישע מאסע א בעל־מום. אהן ציוניזם פעהלט דער אידישער מאסע די גאראנטיע פאר איהר אייביגען קיום און איהר אייביגע ענטוויקלונג ווי א א י ד י ש ע נאציע, ווי א אידישער קולטור־שעפערישער ארגאניזם; און אהן סאציאליזם הינקט איהר עקאָנאָמישער לעבען. בלייבט זי ווי די ארבייטס־מאסען פון אנדערע פעלקער אין טיעפער בלאטע פון עקספּלואטאציע, מיט אלע העסליכע קאנזעקווענצען, סיי מאטעריעלע, סיי גייסטיגע.

דאס איז דער פועלי־ציוניזם אויסגעטאן פון יעדען זייטיגען לבוש, פון יעדען זייטיגען צוגאב.

ווי אזוי האט דער דאזיגער ריינער און קלארער געדאנק זיך ענטוויקעלט אין איירא־פּא, און ווי אזוי אין אמעריקא?

די אנגענומענע מיינונג איז, אז אין איירָאפּא איז דער פועלי־ציוניזם פארטיעפט געווארען. ביי אונז אין אמעריקא פארפלאכט געווארען. איז די דאזיגע מיינונג בארעכטיגט?

איבערפלעכליך זעהט עס אויס אזוי. אויב פארטיעפען א אידעע מיינט ארומרינגלען איהר מיט פירושים, פארשיעדענע נוסחאות און וויסענשאפטליכע טערמינען, האט איירָאפּא פארטיעפט דעם פועלי־ציוניזם. קוקט מען זיך צו אבער נעהענטער צום ענין, איבערהויפט אין ליכט פון די פאסירונגען פון די לעצטע יאהרען, באקומט זיך גאר אן אנדער בילד. דער פּראָצעס פון פארטיפונג איז אוועק אזוי ווייט, אז דער פלפול פון דעם אדער יענעם פיהרער האט גאנץ אָפט פארנומען דעם פלאץ פון דעם הויפט געדאנק. און איז דער פלפול, צוליעב אזא אדער אנדער אורזאך, פון לעבען צושלאגען געווארען, איז דערמיט אויך פארשוואומען געווארען דער הויפט־געדאנק. און פון דער גאנצער טיפקייט האט זיך אויסגעלאזט אן אומ־באהאלפענע, פראזענפולע אויבערפלעכליכקייט.

לאָמיר, אלס ביישפּיעל, נעמען איינע פון די אזוי גערופענע „פארטיעפונגען". פועלי־ציון ווייסען, אז א גאנץ באדייטענדע גרופּע, אויב ניט די מאיאריטעט פון איירָאפּעאישע פּועלי־ציון, האט זיך געהאלטען אן דער אזוי גערופענער טעאריע וועגען דער „סטראטעגישער באזע." לויט דער טעאריע האט דער ציוניזם געדארפט זיין די סטראטעגישע באזע פון וועל־כער דער אידישער פראָלעטאריאט וועט קענען בעסער פיהרען זיין קאמף פאר'ן סאציא־ליזם. אלס א זייטיגער געדאנק איז אין איהם דאָ א שמץ פון אמת. וואלט דער ציוניזם פארווירקליכט געווארען פאר'ן סאציאליזם, וואלט אודאי דער אידישער פּראָלעטאריאט גע־קאָנט פיעל נארמאלער פיהרען זיין קאמף פאר'ן סאציאליזם. דערצו וואלט מען אבער גע־דארפט איין קלייניגקייט: מען וואלט געדארפט קאנען סיסטעמאטיזירען וועלט־פאסירונ־גען ווי אונז ווילט זיך. האט אבער דער סאציאליזם אונז אפּגעטאן א שפּיצעל: ער האט ניט געוואלטווארטען ביז וואנען מיר וועלען פארטיג מאכען אונזער לייטער — די סטראַ־טעגישע באזע — כדי מיר זאלען קאנען נארמאלער ארויפקריכען אויפ'ן סאציאליסטישען בוידים. און נאָך איידער מיר האבען זיך א קעהר געטאן האט דער סאציאליזם אנגעהויבען שטורמען די פעסטונגען פון קאפּיטאליזם. גראד יענע, וועלכע האבען דעם ציוניזם רעדו־צירט צו דער מדרגה פון א שטאפּעל אויף אונזער בארג־ארויף וועג צום סאציאליזם האבען געמיינט, אז די רוסישע רעוואלוציע ברייננגט שוין דעם סאציאליזם, האבען זיי זיך גלייך אנ־געהויבען אפּזאגען פון דער "סטראטעגישער באזע" — פון ארץ־ישראל. און מיט רעכט:

אויב דער ציוניזם איז ניט מעהר ווי א שטאפּעל אין א לייטער צום סאציאליזם ווערט ער דאָך איבעריג אין יענעם מאמענט, ווען מען איז שוין אויפן בוידים.

האט זיך דאן אנגעהויבען דער פּראָצעס פון פועלי־ציוניסטישען קייקלען זיך בארג־אראָפּ ביז וואנען גרויסע טיילען האבען זיך דערקייקעלט אין דער יעווסעקציע אריין און ־ ־ד־ווארען, ווי געוועהנליך משומדים, די ערגסטע שונאי ציון.

איך וואלט געקאָנט אנווייזען אויף פיעלע אנדערע אפּווייכונגען פון פשוט'ען, עיקר'־דיגען פועלי־ציוניזם, וואס האט געפיהרט צו פונקט אזעלכע פאטאלע רעזולטאטען. איך האלט אבער אז דער אויבענגעבראכטער ביישפּיעל איז גענוג, כדי איך זאל קאנען ארויס־ברייננגען דעם הויפּט געדאנק, וואס איך האב אין זינען.

איך מוז אבער ארויסברייננגען נאָך א מערקווירדיגע ערשיינונג, וואס ווייניגע פון אונזערע חברים שיינקען איהר די נויטיגע אויפמערקזאמקייט.

דורך דער פועלי־ציון באוועגונג אין אמעריקא זיינען דורכגעגאנגען אהן א גוזמא א פּאָר צעהנדליג טויזענד מיטגליעדער. אלע פון זיי געקומען פון איירָאפּעאישע מדינות. על פּי דער אנגענומענער מיינונג זיינען זיי געקומען מיט יענעם טיעפען פועלי־ציוניזם, וואס איירָאפּא האט באשאפען. וואו זיינען זיי אלע אהינגעקומען?

ווארום האט זיך אזוי שנעל אויסגעוועפּט די פועלי־ציוניסטישע אדער רעוואלוציא־נערע טיעפקייט, ווי נאר מען האט זיך אנגעשלאגען פנים אל פנים מיט דער אמעריקאנער

מאטעריאליסטישער פראקטישקייט, און מיט די אמעריקאנער מעגליכקייטען פאר פערזענליכען קאריעריזם?

איז טאקי אין דעם שולדיג בלויז דער גראבער אמעריקאנער מאטעריאליזם, — אדער אפשר איז אין דעם אויך דא נשקשה פון א פראצענט באווייז, אז דער אייראפעאישער, אידיש־רעוואלוציאנערער ענטהוזיאזם איז געווען מעהר מאדע, ווי אינערליכער פייער און אז די אייראפעאישע אידישע־רעוואלוציאנערע טעארעטישע טיפקייט איז געווען מעהר פאזע, ווי אינערליכע איבערצייגונג?

נאך עטוואס:

נאכדעם ווי די אמעריקאנער פראקטיק האט אזוי פארזיכטיג דורכגעפיהרט די פועלי־ציוניסטישע מחנות — וועלכע עלעמענטען זיינען איבערגעבליבען אין דער באוועגונג? איז עס ניט א פאקט, אז פארבליבען זיינען מעהרסטענס יענע, וועלכע האבען איבערגענומען דעם עיקר'דיגען פועלי־ציוניזם, אהן יענע זייטיגע צוגאבען, וועלכע פאראדירען אונטער די קלינגענדיגע נעמען פון וויסענשאפטען און טעאריעס?

איז ניט דאס א באווייז, אז טיעפער אויפגעפאסט דעם פועלי־ציוניזם, טיעפער איז דער פועלי־ציוניזם גראד אריינגעדרונגען אין בלוט פון יענע, וועלכע מען באשולדיגט אין אויבערפלעכליכקייט?

דערמיט מיין איך ניט פארצו־ווארפען אונזערע אייראפעאישע פיהרענדע חברים, אדער צו לויבען די אמעריקאנער. דערמיט וויל איך בלויז פעסטשטעלען א פאקט:

דער פועלי־ציוניזם אין אייראפא איז געבארען געווארען אין א רעוואלוציאנ'ס עפאכע, און אין א לאנד, וואו דער טעארעטישער פלפול איז כמעט געווען דער איינציגער כלי־זיין. אין דעם פראצעס פון צופאסען זיך האט דער פועלי־ציוניזם דארטען געמוזט מאכען הנחות דער דאן אנגענומענער מעטאדע און די דאן אנגענומענע געדאנקען. אין דער אידישער ארבייטערשאפט האט דאן געהערשט די מעטאדע פון טעארעטישען פלפול, ווייל קיין אנדערע קאמפסמיטלען זיינען נאך ניט געווען און אין די מחות האט געהערשט דער שלעכט אויפגעפאסטער מארקסיזם, וואס איז שטארק געווען אין דער מאדע. פון די דאזיגע הנחות זיינען געבוירען געווארען די זייטיגע שאלעכצען, וואס האבען דעם יאדער איננאנצען פארשטעלט. וועהרענד מיר אין אמעריקא האבען דערפון ניט געליטען. איננאנצען זיך באפרייען דערפון האבען מיר אויך ניט געקענט. זיינען מיר דאך מעהרסטענס אלע פון דארטען אריבערגעקומען. אבער דא ביי אונז איז עס קיינמאל ניט געקומען דערצו, אז דער שאלעכץ זאל ווערען אזוי דיק, אז מען זאל דעם יאדער ניט ארויסזעהן.

אט דער פאקט האט באאיינפלוסט אונזער 20 יאהריגע טהעטיגקייט מעהר ווי מיר אליין באגרייפען עס אפט. ער האט אונז ניט געגעבען יענען מאסען־באוועגונג און אלע מעלות און חסרונות, וואס געהען דערמיט. ער האט אבער אונז קיינמאל ניט געלאזט אפטרעטען פון דעם צענטראלען פועלי־ציוניסטישען געדאנק, וואו און ווען מיר זיינען נאר אויפגעטראטען.

איז אונזער פעלד דורכדעם ברייטער געווארען. פאר אונז האט דער קאמף פאר דעם קיום פון דער אידישער נאציע געמיינט טאקי פראסט־פשוט: אנשטרענגען אלע כחות צו ראטעווען וואס מען קאן אין אלע גלות לענדער און צו בויען ארץ־ישראל. איז פאר אונז אפען געווען דאס פעלד פון אלע אידישע אקטיוויטעטען אויף דעם געביט. זיינען מיר געווען אומעטום, וואו די פראגען פון אידישען קיום האבען געדארפט פערהאנדעלט ווערען. האבען מיר אויף אונזער קרעדיט צו פארצייכענען אלע ערשטע פארזוכען פאר דער באפעסטיגונג פון אונזערע נאציאנאלע פאזיציעס. זיינען אונזערע 20 יאהר געווען פול מיט אנשטרענ־

גונגען. איך וויל ניט זאגען נצחונות. ווייל מיר זיינען מעהרסטענס געווען אין דער מינאָריטעט. מעהרסטענס האבען מיר פארלארען. אבער עס וועט ניט קלינגען ווי קיין באַריהמעריי, ווען איך וועל באהויפטען, אז אין אונזערע פארלוסטען אפילו זיינען מיר אויך ארויס די זיגער. איך געדענק ניט קיין איין פאל וואו מיר האבען זיך צוזאמענגעשטויסען מיט אומגעהויער גרעסערע פון אונז כחות, סיי אין צאהל, סיי אין איינפלוס, פון וואנען מיר זאלען ניט ארויס מיט דער גרעסטער מאָס פון אנערקענונג פאר אונזערע קאמפּס־מעטאדען, פאר אונזערע קלארע, פּרינציפּיעל אויסגעהאלטענע פארלאנגען, ווען אפילו זיי זיינען ניט אנגענומען געווארען.

ניט האבענדיג קיינע גרויסע מאסען האבען מיר ניט אלע מאל געקאנט ווירקען אין דער בריית. זיינען מיר אין רוהיגע צייטען געבליבען שוואך, אומבאמערקט. ווי נאָר עס זיינען אבער אנגעקומען שטורמדיגע צייטען, צייטען פון אויפשוואונג, איז אונז געקומען צו הילף אונזער קלארער פּועלי־ציוניסטישער געדאנק און האט אונז געשטעלט אין די ערשטע שורות פון גרויסע פּראקטישע אויפטואונגען. און נאָך 20 יאהר טעטיגקייט קאנען מיר מיט פולען באוואוסטזיין באהויפטען, אז קיין וויכטיגע פּאסירונג אין׳ם אמעריקאנער אידישען לעבען איז ניט פארביייגעגאנגען אהן אונזער איינפלוס, אהן אונזער וואָרט, אהן אונזער אויסטייטשונג פון דעם אופן, ווי עס דארף געפיהרט ווערען דער קאמף פאר אונזער נאציאנאלען קיום. ווי ווייט די ווירקונג איז געגאנגען — דאס וועט זיין אן ארבייט פון דעם קומענדיגען געשיכטס־פאָרשער. איין זאך איז קלאָר (און דאס איז אפשר דער בעסטער באווייז פון אונזער חשיבות), איגנארירען אונז וועט דער פאָרשער פון א י ד י ש ע ר געשיכטע אין אמעריקא ניט קענען.

עס וואלט געווען ניט אמת, ווען איך זאל זאגען, אז מיר האבען די זעלביגע מאָס פון ענערגיע, פון אנשטרענגונג אריינגעגעבען אין דעם קאמף פאר׳ן סאציאליזם. ראשית האבען מיר אויף דעם געביעט ניט באגעגענט אזא פארוואהרלאזט פעלד, ווי אויפ׳ן אידישען געביעט. וואס מען זאל ניט דענקען וועגען דער אידישער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג, ווי שלעכט זי איז ניט געווען לגבי, איהר א י ד י ש ק י י ט איהר סאציאליזם איז געווען אן אמת׳ער, אן אויפריכטיגער. אויף וויפיעל עס האט זיך גענויטיגט צו וועקען א י ד י ש ע ן זעלבסט באוואוסטזיין האבען מיר אין די לעצטע 20 יאהר אונזער פליכט געטאן. דאס געהערט אבער צו אונזער קאמף פאר׳ן קיום פון דער אידישער נאציע. אבער קיין סאציאליסטישען זעלבסט באוואוסטזיין האט איהר ניט געפעהלט.

והשנית איז טאקי צוליב די זעלביגע טעמים, — ווייל סאציאליסטישער באוואוסטזיין האט די אידישע ארבייטער, לויט זייער דאמאלדיגער אויפפאסונג, ניט געפעהלט — שווער געווען פאר אונז אריינצודרינגען אין דער אידישער ארבייטערשאפט. ערשט שפּעטער צו זיינען די טירען פאר אונז אפענער געווארען. האבען מיר דאָ ניט אזוי געדארפט פיהרען א קאמף פארן סאציאליזם, ווי פאר דעם, אז מען זאל אונז אלס סאציאליסטען אנערקענען. און אין אונזערע 20 יאהר האבען מיר אויף דעם געביעט אויך גענוג וואס אנצו־ווייזען.

און צו דער געלעגענהייט פון אונזער 20 יעהריגען יובל לאָמיר זיך פארטראכטען וועגען די אלע דורכפאלען און נצחונות, וואס מיר האבען באגעגענט. ניט אזוי צוליעב צופרידענשטעלען אונזער פארטייאישען חשיבות־געפיהל, וואס איז אויך ניט קיין גרויסע עולה, ווי צוליעב פארשטעהען אונזערע ווייטערדיגע דרכים.

לאָמיר פארשטעהן, אז אונזער חשוב׳ע ראלע, וואס מיר האבען פארנומען סיי אין דער אידישער אמעריקא, סיי אין אונזער וועלט־באוועגונג איז בעשטאנען בלויז אין דעם, וואס מיר האבען אלעמאל געהאט פאר אונזער אויג דעם צענטראלען, פשוטען, אבער אויך ריינעם געדאנק פון פּועלי־ציוניזם. ס׳איז ניט געווען קיין צופאל, וואָס כמעט אויף אלע אונזערע וועלט־קאָנגרעסען זיינען מיר געווען שטענדיג שטאָל און אייזען מיט אונזערע ארץ־ישראל׳דיגע

חברים, ווען נאָר א קאמף פראגע איז אין אונזערע רייהען אויפגעהויבען געווארען. אונז איז אין אלע אזעלכע פאלען געקומען צו הילף דער פאקט, וואס מיר האבען דעם געזונטען יאדער פון פועלי־ציוניזם קיינמאל ניט פארביטען אויף די שעהנסטע טעארעטישע שאַלעכצען.

און אויב 20 יאהר אין דער געשיכטע פון א באוועגונג איז א צייט פאר יובל'ען, דאן זאל עס אויך זיין א צייט פון א חשבון הנפש און פון א מוסר השכל, וואס מוז אונז פיהרען צום געדאנק, אז אזוי לאנג ווי מיר וועלען אונזער פועלי־ציוניזם ניט פאר'פלפול'ען, אזוי לאנג ווי מיר וועלען ניט זוכען קיין התנצלות. און קיינע הכשרים פון קיינעם פאר אונזער קאמף פאר'ן קיום פון דער אידישער נאציע, וועלען מיר קיינמאל ניט בלאָנדזשען.

איך וויים ניט צו מיר וועלען ווען עס איז ווערען א מאסען־באוועגונג. דאס איז גאר אן אנדער ענין. אבער אונזער ווירקונג, אונזער איינפלוס איז געזיכערט, ווייל מיר קומען מיט יענעם אמת, וועלכען דער פועל־ציוניזם האט פארמאָגט ביי זיין געבורט.

מיר ווידערהאלען שטענדיג און אימער: די אידישע ארבייטערשאפט, דער אידי־שער מאסען מענש, אויב ער וויל זיין מענשליכע און אידישע חשיבות באפעסטיגען, אויב ער וויל לעבען א לעבען, וואס איז ניט עקלהאפט, דאן מוז ער קעמפען פארן סאציאליזם־ציוניזם. מיר מוזען אנשטריינגען אונזערע כוחות איןביידע דירעקציעס, וועלכע זיינען זיך ניט סותר, נאָר ערגענציגען זיך. ביידע, ציוניזם און סאציאליזם, זיינען אין פראָצעס פון רעאליזאציע. עס קאָן זיין אז אין ארץ־ישראל וועט מנצח זיין יענע שיטה, וועלכע וויל אין ארץ־ישראל ביי־דע ציעלען רעאליזירען דורך דיזעלביגע ארבייטס פראָצעסען. דאס דארף זיין אונזער אלע־מענס שטרעבען. אבער עס קאָן זיין, אז די געשיכטע האט אן אנדער פראָצעס באשטימט. פאר אונזער פועלי־ציוניזם קען עס זיין בלויז א פראגע פון גרינגערע אדער שווערערע פראָ־צעסען. דער ענד ציעל בלייבט. וועט דער ציוניזם פריהער פארווירקליכט ווערען וועלען מיר אודאי זיך באנוצען מיט אונזער בעסערער סטראטעגישער באזע אין קאמף פאר'ן סאָציאַליזם. וועט דער סאציאליזם פארווירקליכט ווערען איידער דער ציוניזם איז רעאליזירט קעמפען מיר, אפילו אויף מארגען נאָך דער סאציאלער רעוואלוציע, פאר'ן ציוניזם, ווייל מיר זעהען אין ציוניזם די איינציגע גאראנטיע פאר דעם קיום פון אונזער נאציע, און פאר איהר באדיי־טענדער ראלע אין יענעם קומענדיגען אמת'ען אינטערנאציאנאלען פארבאנד פון אלע אר־בייטער־נאציאנען פון דער וועלט.

דער איצטיגער מצב פון דער פועלי ציון פּאַרטיי אין אַמעריקאַ

פון א. העמלין

אַנאַליזירענדיג דעם איצטיגען מצב פון דער אַמעריקאַנער פועלי ציון פּאַרטיי, מוז מען דערביי נעהמען אין אַנבעטראַכט די פאַרשידענאַרטיגע מאָמענטען וואָס יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי פון אַרבייטער קלאַס מוז דורכמאַכען אויף דעם וועג פון איהר אַנטוויקלונג און טהעטיגקייט. יעדע פּאַרטיי האָט מאָמענטען פון העכסטען אַרויפשטייג, ווי אויך צייטען פון שווערע מפּלות; מאָמענטען ווען די מאַסען לויפען אין איהרע רייהען און שיינקען איהר דעם גרעסטען צוטרויען, און אויך מאָמענטע, ווען די מאַסען פאַרלאָזען איהר און עס בלייבען דאָן נאָר אין איהר די געטרייע און אויסגעפּרובירטע סאָלדאַטען. אויב דאָס איז גילטיג פאַר אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַ פּשיטא שוין טרעפען אַזעלכע מאָמענטען אין לעבען פון אַ אידישער אַרבייטער פּאַרטיי. אין אונזער אידישען לעבען, וועלכער איז געווען אַזוי שטורעמדיג אין די לעצטע 20—25 יאהר, זיינען פּאַרטייען אויפגעשטאַנען און זיינען אונטערגעגאַנגען. דער אידישער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער, די נשמה־אומרוה, דער גרויסער אומגעדולד און דער גלויבען אין אַ באַלדיגער גאולה, דאָס פעהלען פון טראַדיציאָנעלער צוגעבונדענהייט צו איין פּאַרטיי, און צו איין אידעע — דאָס אַלץ האָט געוואָרפען דעם פּאַרטיי עולם אין די אָרעמס פון יעדער נייער אַוואַנטורע, וועלכע איז געווען גרייט צו צושטערען און פאַרניכטען דאָס פריהער געשאַפענע און אויפגעבויטע. אונטער אַזעלכע אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען איז אויסגעקומען, און קומט אויך איצט אויס, דער פועלי ציון פּאַרטיי צו אַרבייטען און צו טראָגען איהר פאָהן אין דער אידישער אַרבייטער־גאַס.

מיר מוזען זיך נאָך אָפּשטעלען אויף דער ספּעציעלער לאַגע אין אַמעריקאַ גופא: דאָס לאַנד וואו מיר לעבען און שאַפען איז ליידער ניט מסוגל פאַר אידעאַליסטישע מאַסען־פּאַרטייען; דער גרעסטער טייל פון די אידישע אַרבייטער זיינען אָרגאַניזירט אין קערפּערשאַפטען, וועלכע האָבען הינטער זיך אַ מאַטעריעלען הינטערגרונד. אַזוי זעהען מיר דאָס די אָרדענס פאַר געגענזייטיגער הילף און די טרייד יוניאָנס זיינען געוואָרען די יעניגע וועלכע קאָנצענטרירען אין זיך צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער מיטגלידער, בעת די צאָהלען פון די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען זעהר באַגרעניצט, און זייער טאָג־טעגליכער קאַמפּף איז פאַרבונדען מיט אונגעהויערע שוועריגקייטען. דער כוח פון אַ פּאַרטיי ווערט לויט דעם געזעלשאַפטליכען איינפלוס, וואָס זי איז ביכולת אויסצואיבען אויף דער אַרומיגער סביבה, אויף ווי ווייט זי קען אין אַנטשפּרעכענדע מאָמענטען געבען דעם פאָלק אַ לאָזונג און אַן אידעע און אָנצינדען אין איהם דעם פייער פון גלויבען און בעגייסטערונג.

אָט דיזע פּראָבע האָבען די פועלי ציון גלענצענד אויסגעהאַלטען במשך פון די לעצטע 20 יאהר. און ביי היינטיגען טאָג זיינען זיי נאָך אַלץ אַ געזעלשאַפטליכער פאַקטאָר אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל פון אַמעריקאַ. יעדע שעהנע טהאַט, וועלכע ווערט דורכגעפיהרט אין דער אידישער גאַס אויף דעם געביט פון אידישען סאָציאַליזם, פון קולטורעלער שאַפונג, פון נאַציאָנאַלען באַפרייאונגס קאַמפּף, ווערט אינספּירירט, אָנגעפיהרט און דורכגעטראָגען אויף די פּלייצעס פון די פועלי ציון. דער כח פון אונזער פּאַרטיי ביים היינטיגען מאָמענט, בעשטעהט ניט אין דער גרויסער צאָהל פון אונזער מיטגלידערשאַפט; נאָר אין דעם באַוואוסטזיין פון אונזערע חברים, אין דעם מאָראַלישען איינפלוס, וועלכען מיר איבען אויס אין דער געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט, און וועלכע האָט אַ היסטאָרישע באַדייטונג ניט בלויז פאַר אונזערע אייגענע קרייזען אַליין, נאָר פאַר די ברייטע מאַסען פון אידישען פאָלק.

אין דער אידעען וועלט, וועלכע האָט באַהערשט די מוחות פון דעם באַוואוסטזיניגען אידישען אַרבייטער במשך פון די לעצטע 20 יאהר, איז נאָך קיין אידעע און קיין געדאַנקען ניט אַרויסגעגאַנגען אַזוי זיגרייך ווי דער פּועלי ציוניזם. די צייטען, ווען מיר זיינען געשטאַנען איינזאַם, זיינען פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט געוואָרען, זיינען שוין לאַנג פאַראיבער. דער געדאַנק פון ציוניזם און סאָציאַליזם, און פון זייער אומממיטעלבאַרער איינינקייט, דער געדאַנק, דאָס דער אידישער אַרבייטער קלאַס איז מחויב צו שטעלען זיך אָן דער שפּיצע פון דעם אידישען בעפרייאונגס קאַמפּף, איז שוין איצט פאַרשטענדליך און איז נאָהענט צום האַרצען פון אַ גרויסער צאָהל פון אונזערע אַמאָליגע געגנער. ביי היינטיגען טאָג קענען מיר קאָנסטאַטירען, דאָס באַוואוסטזיניגע געגנערשאַפט צו די אידעען פון פּועלי ציוניזם איז כמעט ווי פאַרשוואונדען געוואָרען, און דאָס אין גרויסע קרייזען פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט ווערט אַרויסגעוויזען פאַרשטענדניש און אַ וואַרימער אינטערעס צו אַלעס, וואָס אונזער באַוועגונג שאַפט, סיי דאָ אין אַמעריקאַ, און באַזונדערס אין ארץ ישראל. דער קאַמפּיין וועלכער איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט צוויי יאהר צוריק פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און אַנדערע פיהרער; דער פּלאַץ, וואָס ווערט איצט געגעבען צו דעם אַרבייטענדען ארץ ישראל פון דער גרעסטער אידישער אַרבייטער צייטונג, וואו פריהער האָט ארץ ישראל ניט געקענט דערמאָנט ווערען; דאָס אַלץ זיינען סימפּטאָמען פון דער נייער צייט. דאָס אַלץ דערנעהנטערט דעם זיג פון דער שעפּפערישער אידעע פאַר וועלכער מיר האָבען געלעבט און געאַרבייט במשך פון די לעצטע 20 יאהר.

רעזומירענדיג דיזען סך הכל, און פאַרשטעהענדיג קלאָהר די אומשטענדען אונטער וועלכע מיר האָבען געאַרבייט, קענען מיר איצט צוטרעטען צו געבען אַ סך־הכל איבער דעם פאַקטישען צושטאַנד פון אונזער פּאַרטיי ביים היינטיגען מאָמענט.

אָרגאַניזאַציע:

אונזער פּאַרטיי פאַרמאָגט ביי היינטיגען טאָג 71 אָרגאַניזאַציעס און גרופּען, וועלכע געפינען זיך אין די וויכטיגסטע שטעדט און שטעדטלעך פון אַמעריקאַ. דערצו געפינען זיך אין פיעלע קלענערע פּונקטען, איינצעלנע טוער, וועלכע שטעהען מיט אונז אין יעדער גרויסער אַקציע, וועלכע די פּאַרטיי פיהרט דורך. די מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי ווערט איצט געדעכענט אויף דעם סמך פון דער נייער רעגיסטראַציאָנס סיסטעם, וועלכע די 14־טע קאָנוועגשאָן אין ניו יאָרק האָט לעצטען יאהר אָנגענומען. דיזער פּלאַן איז אין גאַנצען אַ נייער, און לויט איהם האָבען מיר געדאַרפט דורכפיהרען די רעאָרגאַניזאַציע איבער'ן גאַנצען לאַנד. ביי היינטיגען טאָג זיינען אין דער פּאַרטיי רעגיסטרירט קרוב צו 1500 חברים, אויסער אַ באַדייטענדער צאָהל פון אונזער מיטגלידערשאַפט, וועלכע מיר האָבען נאָך ניט באַוויזען צו דערגרייכען, באַזונדערס אין דער סאַוטה און אויף דעם פּאַסיפיק קאָוסט. צוזאַמענרעכענדיג אויך יענע גרופּען, פאַרמאָגען מיר אַרום 2,000 חברים, וועלכע דיענען אַלס פאַרפּאָסטען פון אונזער פּאַרטיי און פון יעדער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, וועלכע די פּאַרטיי אונטערנעמט. די לייטונג פון דער פּאַרטיי באַשטעהט פון די פאָלגענדע חברים: דר. י. אַפּעלבוים, מאיר בראון, ם באַנטשיק, י. בערקענבליטה, פּ. קרוזא, ה. עהרענרייך, יואל ענטין, פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן, ש. גאָלדשטיין, ל. סיגעל, ס. סיגעל, וו. שוואַרטץ, י. זאר, א. העמלין, י. שניידער און י. קאָהען. פון יוגענדליכען צ. ק. און חברה מ. בראון פון דער פרויען אָרגאַניזאַציע.

פּועלי ציון יוגענט:

אַ וויכטיגער צווייג פון אונזער פּאַרטיי איז די פּועלי ציון יוגענט באַוועגונג, וועלכע האָט אָנגענומען איהר קאָנסטיטוציע ביי דער ערשטער גרינדונגס קאָנפערענץ אין פּיטסבורג אין 1920. במשך פון די לעצטע דריי־פיער יאהר האָט זי זיך קריסטאַליזירט אין אַ סאָלידער אָרגאַניזאַציע, און האָט וויכטיגע פאַרדינסטען פאַר אונזער באַוועגונג. זי איז געוואָרען אַ שולע, וואו די יונגע חברים ווערען ערצויגען אין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען גייסט. זי איז אין

דער זעלבער צייט א כח, וועלכע לייסטעט זעהר פיעל פאר די וויכטיגע אקציאָנען, וועלכע די פארטיי אונטערנעמט; באזונדערס פאר דעם פאלעסטינא ארבייטער פאָנד און פאר אלע אינ־סטיטוציעס פון דער אידישער ארבייטערשאפט בכלל. דאן דיענט שוין איצט די יוגענט אלס רעזערוואואר פון וואנען עס קומען אריין צעהנדליגע נייע מיטגלידער אין אונזער פארטיי. אין די לעצטע צוויי יאהר זיינען אריינגעקומען אין דער פארטיי פיער יוגענט קלובען, און ביי היינטיגען טאָג געפינען זיך שוין נאָך איניגע קלובען, וועלכע זיינען פערטיג אריינצוטרעטען אין אונזערע רייהען און פארנעמען וויכטיגע פאָסטענס אין דער פארטיי ארבייט.

די יוגענט באוועגונג פארמאָגט איצט 29 אָרגאניזירטע קלובען, וועלכע געפינען זיך אין 22 שטעדט און 12 סטייטס אויסער קענעדע. פון זיי זיינען 10 ענגליש שפרעכענדע. די מיטגלידערשאפט אין דער יוגענט באוועגונג באשטעהט פון 1,200 חברות און חברים אין א דורכשניט עלטער פון 16 ביז 20 יאהר. זיי גיבען ארויס זייער זשורנאל „יוגענט", אין אידיש און אין ענגליש, און האָבען לעצטען סעפטעמבער אָפגעהאלטען זייער פערטען צוזאמענפאהר אין פעטערסאָן. די ארבייט ווערט געלייטעט פון א צענטראלען יוגענט קאָמיטעט, וועלכער באשטעהט פון זיבען יוגענטליכע חברים און צוויי מיטגלידער פון צענטראל קאָמיטעט. די חברים באנטשעק און העמלין. דער סעקרעטאר פון דער יוגענט באוועגונג איז חבר יעקב שניידער.

פרויען קלובען:

ביי דעם 14־טען צוזאמענפאהר אין ניו יאָרק איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע, באאויפטראגענדיג דעם צענטראל קאָמיטעט, צו אָרגאניזירען פרויען קלובען אין אמעריקא, אלס א טייל פון אונזער באוועגונג, מיט דעם הויפט ציעל צו פארשטאַרקערען די פּאָזיציעס פון דער ארבייטענדער פרוי אין ארץ ישראל. דיזער באשלוס האָט געפונען א ברייטען אָפקלאַנג און א הארציגע סימפאטהיע אין אלע קרייזען פון אונזער פארטיי, באזונדערס צווישען די באוואוסטזיניגע אידישע פּראָגרעסיווע פרויען. ערשט מיט א יאהר צוריק איז געגרינדעט גע־וואָרען דער ערשטער פרויען קלוב אין ניו יאָרק, און ביי היינטיגען טאָג צעהלט שוין די פרויען באוועגונג 12 קלובען מיט איבער 400 אָרגאניזירטע חברות. די פרויען קלובען האָבען שוין באוויזען דורכצופיהרען לעצטען מאי אן אקציע דורך וועלכער זיי האָבען געזאמעלט $3,000 פאר די פרויען קבוצות אין ארץ ישראל, און איצט אונטערנעהמען זיי א גרעסערע טהעטיגקייט פאר דער צונויפזאמלונג פון $15,000 פאר דעם זעלביגען צוועק.

די פרויען אָרגאניזאציע ווערט אָנגעפיהרט פון אן עקזעקיוטיוו קאָמיטעט, באשטעהענד פון 7 חברות און פון חבר א. העמלין אלס פארטרעטער פון צענטראל קאָמיטעט. די פריי־הערדיגע סעקרעטערינס פון דער אָרגאניזאציע זיינען געווען די חברות סאפי יודין און שרה פעדער, און איצט איז די סעקרעטערין חברה פייגעל בענסאָן. די אָרגאניזאציע האָט היינטיגען חודש אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבען אן אייגענעם זשורנאל אונטער דעם נאָמען „די פּיאָנערען פרוי", וועלכער וועט ערשיינען אין אידיש און אין ענגליש. עס איז אָהן ספק, דאָס גאָר אין דער נאָ־הענטער צוקונפט וועט דיזע באוועגונג ווערען גרויס און איינפלוסרייך און וועט קענען לייסטען גרויסע דיענסטען פאר די ציעלען פאר וועלכע זי האָט זיך אָרגאניזירט.

צוזאמענגענומענדיג סיי די צענטראלע קערפערשאפט, ווי אויך די יוגענט באוועגונג און די פרויען קלובען, קענען מיר רעכענען אין אונזער באוועגונג ביי היינטיגען טאָג ארום 3,500 אָרגאניזירטע חברות און חברים, וועלכע זיינען גרייט צו טראָגען אויף אויף וויטען די פאָהן פון פועלי ציוניזם אין אמעריקא.

ליטעראטור און פּראָפּאגאנדא:

די פארטיי גיט ארויס פאר די לעצטע צוויי יאהר איהר אָרגאַן „דער אידישער ארבייטער", וועלכער ערשיינט איין מאָל אין צוויי וואָכען, אונטער דער רעדאקציע פון חבר יצחק זאר.

דערצו דארף אויך צוגערעכענט ווערען דער „יוגענט זשורנאל", וועלכען מיר האבען שוין דערמאנט, און וועלכער ווערט פערשפרייט צווישען דער יוגענט, און די „פיאנערין", וועלכע ווערט פארשפרייט צווישען די חברות. עס דארף דערצו אויך צוגערעכענט ווערען די פארבאנד „שטימע", דער ארגאן פון אונזער שוועסטער ארגאניזאציע, דער א. נ. א. פ., וועלכער ערשיינט חודש'ליך און וועלכער דיענט אלס א גוטער אויפקלערונגס מיטעל פאר די נאציאנאל סאציאליס־טישע אידען. די אלע צייטונגען האבען געמיינשאפטליך א צירקולאציע פון קרוב צו 12,000.

אויף דעם געביט פון ליטעראטור אויסגאבען, זיינען במשך פון די לעצטע 20 יאהר ארויס־געגאנגען א מאסע בראשורען, צייטונגען, ליפלעטס און ביכער; פון די וויכטיגסטע ביכער וועלכע זיינען ביז איצט פארשפרייט, זיינען די שריפטען פון ב. באראכאוו, „יזכר" און דער ארץ ישראל בוך. היינטיגס יאהר זיינען מיר בארייכערט געווארען מיט נאך צוויי זעלטענע און ווערטהפולע ביכער, די שריפטען פון אונזער פארשטארבענעם גרויסען פיהרער, דר. נחמן סירקין, וועלכע וועלען אהן ספק דינען אלס א גרויסער קוואל פון אינספיראציע און א ווערטה־פולע פראפאגאנדא פאר די אידעען פון אונזער פארטיי.

שולען און קולטור אנשטאלטען:

אויף דעם געביט פון דיזער טהעטיגקייט האט אונזער פארטיי אוועקגעגעבען זעהר פיעל כוחות און ענערגיע. אין דעם איצטיגען מאמענט געפינט זיך די שולען באוועגונג אין א סטאדיום פון א פארשטארקטען וואוקס און אנטוויקלונג. א בעזונדער אינטערעס האט זיך ערוועקט אין די קרייזען פון דער אידישער אינטעליגענץ און באוואוסטזיניגער ארבייטערשאפט פאר א פראגרעסיווער אידישער ערציהונג. אין 1909, ווען אונזע קאנווענשאן אין מאנטרעאל האט פראקלאמירט דיזע אידעע, זיינען מיר געשטאנען איינזאם און שוואך. היינטיגען טאג ווערט אנגעפיהרט א ברייטע און פארצווייגטע ערציהונגס טהעטיגקייט פון אונזער פארטיי, צוזאמען מיט אונזער שוועסטער ארגאניזאציע, דעם נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, פון די שלום עליכם פאלקס שולען, ווי אויך פון ארבייטער רינג. ביי היינטיגען טאג פארמאגען מיר שוין איבער 40 פון אונזערע פאלקס שולען, וואו עס קריגען אונטערריכט קרוב צו 6,000 קינדער. כמעט אלע שולען שטעהען אויף דעם שטאנדפונקט פון דער גלייכבארעכטיגונג פון ביידע שפראכען, העברעאיש און אידיש. זייער ערציהונג ווערט אנגעפיהרט אין א נאציאנאל פראַ־גרעסיווען גייסט און אין א פאזיטיווער באציהונג צו די העכסטע אידעאלען פון ארבייטער קלאס און פון אידישען פאלק.

צו די שולען דארף אויך צוגערעכענט ווערען דער אידישער לעהרער סעמינאר, וועלכער האט איצט דערגרייכט די גרעסטע שטופע פון פאפולאריטעט און ליעבע צווישען דער אידישער אינטעליגענץ און די שולען טוער. דער לעהרער סעמינאר האט שוין ביז איצט גראדואירט 40 לעהרער און לעהרערינס, סיי פאר אונזערע פאלקס שולען, ווי אויך פאר די ארבייטער רינג שולען. ביי היינטיגען טאג געפינען זיך אין דער לעהרער סעמינאר א גרויסע צאהל סטודענטען, וועלכע קריגען אן אלזייטיגע בילדונג און וויסען, און וועלכע ווערען פארבערייטעט צו זיין לעהרער און ערציהער פון דעם יונגען אידישען דור אין אמעריקא.

אונזער זעלבסטשטענדיגע ארץ ישראל ארבייטער אקטיוויטעט:

אונזער פארטיי האט זיך באריהמט געמאכט דורך אייניגע באדייטענדע און גרויסע אק־ציאנען, וועלכע זי האט אונטערנומען פאר די אינטערעסען און פאר דער באפעסטיגונג פון דעם ארבייטער ישוב אין ארץ ישראל. דער געצייג קאמפיין, די אקציע פאר דער ארבייטער באנק, און אונזער אבטיילונג אין דעם געווערקשאפטען קאמפיין, זיינען וויכטיגע מאמענטען אין לעבען פון אונזער באוועגונג. אויסער דעם פיהרט אן די פארטיי שוין 13 יאהר אונ־אונטערבן אבגנע ארבייט פאר דעם פאלעסטינא ארבייטער פאנד דורך זאמלונגען, ווי אויך דורך דעם פאלקס בוך, וועלכער איז אין די לעצטע 3 יאהר עטאבלירט געווארען. אין איצטיגען

מאָמענט שטעהען מיר גרייט צו דער גרעסטער אָנשטריינגונג וועלכע מיר האָבען ווען עס איז אונטערנומען אין אונזער פּאַרטיי געשיכטע. דאָס איז צו דער גרויסער אַקציע, וועלכע ווערט איצט אונטערנומען צוזיפצוזאַמלען אַ פערטעל מיליאָן דאָלער פאַר אַלע אינסטיטוציעס פון דעם אַרבייטער ישוב אין ארץ ישראל.

אויסער דער זעלבסטשטענדיגער אַרבייט, איז די פּאַרטיי פאַרטראָטען אין דעם דירעקטאָ־ריום פון קרן היסוד דורך די חברים מאיר בראון און א. העמלין, און אין דעם דירעקטאַריום פון אידישען נאַציאָנאַל פאָנד דורך די חברים ס. באַנטשעק און פּ. קרוזא. אין דיזע קערפּער־שאַפטען ווירקען אונזערע חברים אין גייסט פון אונזער פּאַרטיי און זוכען צוזאַמען מיט אַנדערע עלעמענטען צו פאַרגרעסערען די אַקטיוויטעט פאַר דיזע פאָנדען און פאַרשטאַרקערען דערמיט דעם אַלגעמיינעם אויפבוי פון ארץ ישראל.

דער צוואַנציג יעהריגער יובילעאום פון דער פּאַרטיי טרעפט אונזערע כוחות אָרגאַניזירט, ערמוטהיגט, און מיט אַ ברייטערער ערפאַהרונג אין אידיש געזעלשאַפטליכע און אַרבייטער פּראָבלעמען. די עקשנות, דער בטחון און איבערצייגונגס קראַפט, וועלכע האָט אונז אימער בעגלייט, איז אויך איצט שטאַרק אין די הערצער פון הונדערטער און הונדערטער חברים. אַ פּאַרטיי, וועלכער האָט הינטער זיך אַזאַ העראָאישע געשיכטע, אַזאַ פעסטע טראַדיציע, און דערצו אַזעלכע גראַנדיעזע אויפגאַבען, אַזאַ פּאַרטיי וועט אימער געהען פאָרווערטס און וועט ווייטער פיהרען דעם קאַמפּף פאַר אונזערע שעהנסטע און העכסטע אידעאַלען.

צוויי שאפער פון פועלי ציוניזם: באָראָכאָוו און סירקין

פון משה פרייליכאָוו

פון יענער תקופה אין אידישען לעבען, פון דער נאָהענטער פאַרגאַנגענהייט, אין וועלכער עס האָט זיך דורך דעם געראַנגעל פון ענטקעגענגעזעצטע אידעען, שטימונגען, באַגריפען, פאָראורטיילע און אידעאַליסטישע שטרעבונגען און זוכעניש אין אידישען ארבייטער לאַגער, ארויסקריסטאַליזירט די איצטיגע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ארבייטער פאַראייניגונג: דער אַלוועלטליכער פאַרבאַנד פועלי־ציון (פאַראייניגטע מ. ט. ד. סאָציאַליסטישע צעירי־ציון) — שטעהען אין פאָדערגרונד די גרויסע גייסטיגע פיגורען פון אונזערע צוויי באַליעבטע, אומ־פאַרגעסליכע אָנפיהרענדע חברים און לעהרער, דר. נחמן סירקין און דוב בער באָראָכאָוו.

זיי זיינען עס געווען, דער ערשטער מיט דער עקזאַלטירטער און עקזאַלטירענדער באַגייסטערונג פון דעם נביא האמת און פאָלקס טריבון, און דער צווייטער מיט דער לאָגיק פון נאָכפאָרשענדען און אַנאַליטישען דענקער, פאַראייניגט מיט א הייסע ליעבע צו די ליידענדע אונטערדריקטע — וועלכע האָבען די ערשטע באַגריפען, דערזעהען מיט דרייסטקייט, אליין באַטראַכט און אונז אַלעמען אָנגעוויזען דעם וועג, דעם איינציג ווירדיגען, וואָס פיהרט צו דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פונ׳ם אידישען המון — פון דעם גאַנצען אי־דישען פאָלק.

* * *

דוב בער באָראָכאָוו, דער וויסענשאַפטליכער באַגרינדער און גרויסער טעאָריטיקער פונ׳ם פועלי ציוניזם, איז קוים אַלט געווען 36 יאהר, ווען דער טויט האָט אזוי אומערוואַרטעט א סוף געמאַכט צו זיין נוצליכען לעבען.

אָנפאַנגענדיג זיין עפענטליכע טהעטיגקייט אין זיין צוואַנציגסטען לעבענס־יאהר, אין 1901, דעם זעלבען יאהר, ווען דער פאָטער פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם, ד״ר. נחמן סירקין, האָט אין דער רוסישער שפּראַך פאַרעפענטליכט זיין היסטאָריש־געוואָרענעם אויפרוף צו דער אידישער יוגענד, „וואָזוואַניע ק׳ יעווריסקאָאַי מאָלאָדיאָזשי“, — האָט באָראָכאָוו אין 16 יאהר צייט באַוויזען אַרויפצולייגען זיין גייסטיגען שטעמפעל אויף א גאַנצען דור אידישע אַרבייטער און אידישע אינטעליגענטען. זיין איינפלוס האַלט אין וואַקסען אויך איצט נאָך זיין פאַרשווינדען פון דער לעבענס־אַרענא. ווי א לעגענדאַרע פיגור שוועבט זיין בילד איבער דער אידישער אַרבייטערשאַפט אין ארץ ישראל, וואו זיין נאָמען ווערט דערמאַנט מיט ליעבע און מיט עהרענפורכט.

באָראָכאָוו האָט טעאָרעטיש קאָאָרדינירט און פאַראייניגט די צוויי הויפט שטרעבונגען און ווילונגען פון דעם ערוואַכטען אידישען אַרבייטער — דעם פּראָלעטאַרישען דראַנג צו סאָציאַלע גערעכטיגקייט דורך דעם סאָציאַליזם, און צו נאַציאָנאַלע אויסלעזונג און באַפריי־אונג דורך דעם ציוניזם.. ער האָט פאָרמולירט דעם פּראָגראַם פון דער באַוועגונג, וועלכע זיך באַזירענדיג אויף די רעאַליטעטען פון דער אידישער ווירקליכקייט, שטרעבט צו לעזען די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דעם אידישען לעבען. די דאָזיגע באַוועגונג — דער פועלי־ציוניזם איז היינט־צו־טאָג געוואָרען די הערשענדע אידעאָלאָגיע אויף דער אידישער גאַס. פריה ווידמעט זיך דער יונגער באָראָכאָוו צום פרייהייטס קאַמפף. אָנפאַנגס ווי א רייזענדער אַגיטאַטאָר צווישען די אַרבייטער פאַר די סאָציאַל דעמאָקראַטישע אידעען — א פּראָפּאַגאַנ־דיסט פאַר׳ן מאַרקסיזם; דערנאָך זיך צוקוקענדיג נעהענטער צום אידישען לעבען, מיט וועלכען

די גרופע חברים שולע 13 פון פילאדעלפיע, פא.

ער קומט אין ענגערע באַריהרונג, און זיך טיפער אריינלעבענדיג אין דער אידישער לאַגע אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער, קומט ער צו דער איבערצייגונג אַז אָהן דער פּאַלשטענדיגער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג איז ניט מעגליך קיין ראַציאָנאַלע פּאַרענטפערונג פון די אידישע נויטען; און אַז די דאָזיגע נאַציאָנאַלע באַפרייאונג איז נאָר מעגליך דורך דעם טעריטאָריאַליזם.

אין לויף פון די שטורעמדיגע יאהרען 7-6-5-1904 פון ערב און נאָך דעם ערשטען גרויסען רוסיש־רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד, יאהרען פון אידעען שטרייטען און רעוואָלוציאָנערע אַק־טיוויטעט, אין אַ רייהע גרויסע דיסקוסיאָנען און דעבאַטען מיט פּראָמינענטע אידעען־געגנער, ווערט ביי דעם יונגען באָראָכאָוו רייפער און קאָנקרעטער דער געדאַנק פון פּועלי־ציוניזם; ער וואַרפט אָפּ די פּאַליאַטיוון פון די בונדיסטישע טעאָריטיקער, פון די סיימאָווצעס, און פון די אַנדערע האַלב־נאַציאָנאַליסטען בנוגע די לעזונג פון דער אָנגעווייטאָגטער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער זוכט און געפינט גאַנצקייט. ער אַנטוויקעלט וויסענשאַפטליך און באַגרינדעט טעאָרעטיש די אידעע פון פּועלי־ציוניזם.

אָפּוואַרפענדיג די טענות פון די געגנער אַז דער ציוניזם און נאַציאָנאַליזם פאַרפיהרען דעם אידישען אַרבייטער און פאַרדונקלען זיין קלאַסען־באַוואוסטזיין, באַווייזט באָראָכאָוו אין זיין גלענצענדער שריפט: „די קלאַסען־אינטערעסען און דער נאַציאָנאַלער פראַגע", אַז דער רעאַלער נאַציאָנאַליזם פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין שטער צום קלאַסען־באַוואוסטזיין; עס איז גאָר אין געגענטייל אַ נויטיגער פאָרבאַדינג צו אַ געזונטער און נאָרמאַלער קלאַסען־סטרוקטור און קלאַסען קאַמפּף.

„ביים פּראָגרעסיווען קלאַס, ביים אָרגאַניזירטען, רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון אַן אונטערדריקטע נאַציע, דריקט זיך אויס זיין רעאַלער נאַציאָנאַליזם אין די שטרעבונג און קלאָהר פאָרמולירטע פאָדערונגען, וועלכע ער שטעלט אַרויס אין זיין פּראָגראַם — מינימום, וואָס האָבען דעם קלאָהר אָנגעוויזענעם ציעל, צו ברייגנען, דורך אַוועקשטעלען די נאַציע אין נאָרמאַלע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען — צו אַ נאָרמאַלען אַרבייטס און קאַמפּס־פּלאַץ פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט." 1)

דער דאָזיגער נאָרמאַלער אַרבייטס און קאַמפּס־פּלאַץ, די טעריטאָריע פון דער אידישער איינוואַנדערונג דאַרף זיין ... לויט איהר עקאָנאָמישער סטרוקטור אַ האַלב אַגראַרע, וואוהין עס וועלען במילא קאָנען אַריינדרינגען די אידישע אימיגרירענדע קליינע און מיטעלע קאַפּיטאַל און אַרבייטס קראַפט („וואָס ווילען די פּועלי־ציון" — פּוע"צ שריפטען זייטע 101) ... און אַזאַ לאַנד איז פּאַלעסטינאַ.

פעסטשטעלענדיג און בעטראַכטענדיג מיט אומווידערשטעהליכער לאָגיק און שאַרפזין דעם פּאַלעסטיניזם פון די אידישע אַרבייטער, באַווייזט באָראָכאָוו אין זיין גלענצענדע שריפט „אונזער פּלאַטפאָרם", אַז דער ציוניזם איז ניט קיין אוטאָפּיסטישער חלום נאָר אַ „סטיכישער פּראָצעס" וואָס פיהרט — אונטערגעטריבען און פאַרשנעלערט דורך די רעאַלע נויטען פון דער אידישער ווירקליכקייט, — צו אַ קאָנצענטרירטער אידישער אימיגראַציע נאָך פּאַלעסטינאַ. ער ווייזט אויך אָן, אַז די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פיהרט צו דער פאַרווירקליכונג פון דער טעריטאָריאַלער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פון אידישען פאָלק דורך דעם קלאַסען־קאַמף פון אידישען פּראָלעטאַריאַט.

ביים אָנפאַנג פון דער גרויסער וועלט־מלחמה האָט דער שיקזאַל באָראָכאָוו'ן געבראַכט קיין אַמעריקאַ, און דאָס אַמעריקאַנער אידענטהום בכלל און מיר, זיינע אידעען און פּאַרטיי־חברים בפרט, זיינען בערייכערט און דערהויבען געוואָרען אַ דאַנק זיין אָנוועזענהייט צווישען אונז.

---

1) זעהט: קלאַסען אינטערעסען אין דער נאַצ. פראַגע, ד. ב. באָראָכאָוו פּועלי־ציון שריפטען, זייטע 83-82; אויסגאַבע: פּועלי ציון פּאַרלאַג ניו־יאָרק 1920.

אונערמידליך און מיט ענטוזיאזם אנטוויקעלט דאָ באָראָכאָוו אַ רייהע געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייטען אויף פיעלע געביטען. ער אַגיטירט מינדליך און שריפטליך פאַר אידישע אַרבייטער און פאָלקס פאַראייניגונג, פאַר'ן אידישען קאָנגרעס, פאַר דעם כבוד פון דער אידישער שפּראַך, פאַר'ן פועלי ציוניזם, פאַר די באַשיצונג פון אידישע רעכט איבעראַל. אין מיטען אַט דער דאָזיגער טהעטיגקייט, וואָס שלינגט איין אַ ים מיט ענערגיע, געפינט ער אויך צייט פאָרטצוזעצען זיין אַרבייט וועגען דער אידישער ליטעראַטור און זיינע פילאָלאָגישע נאָכפאָרשונגען. ער הערט ניט אויף צו זיין דער גרויסער למדן און מתמיד אויך אין ברען פון פּאָליטישען קאַמף.

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע פון יאהר 1917 עפענט פאַר איהם אַ גרויסע און ברייטע פעלד פאַר טהעטיגקייט אין זיין געבורטס־לאַנד. ער פאָהרט צוריק קיין רוסלאַנד, און אויפ'ן שוועל פון דאָס, וואָס האָט פאַרשפּראָכען צו זיין אַ נייע און פרוכטבאַרע פעריאָדע אין זיין קאַריערע, אין דעם מאָמענט ווען ער האָט ערשט דערגרייכט די רייפקייט פון זיינע גייסטיגע כחות, — קומט אָן אַזוי טראַגיש־פּלוצלונג דער סוף!

* * *

מיט אַן ערך צעהן יאהר פריהער, איידער דער יונגער גימנאַזיסט באָראָכאָוו האָט זיך צום ערשטען מאָל אָנגעשלאָסען אָן די פועלי־ציון, האָט זיך שוין אין דער ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער וועלט געלאָזט הערען די שטימע פון דר. נחמן סירקין, וועלכער האָט דער ערשטער דערהויבען דעם באַנער פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם.

מיט פערציג יאהר צוריק, אין אָנפאַנג פון די אַכציגער יאהרען, ווען ער האָט נאָר וואָס געהאַט געענדיגט גימנאַזיע אין מינסק, (וואוהין די פאַמיליע סירקין האָט זיך אַריבערגעקליבען פון זיין געבורט־שטאָדט מאָהילעוו), איז נחמן סירקין צוגעשטאַנען צו די חובבי־ציון. די דורות־לאַנגע אידישע בענקשאַפט נאָך דער גאולה, די תשוקה צו אַ פרייען, אַ ווירדיגען באַנייטען אידישען לעבען אין ארץ ישראל, האָט פאַרכאַפּט די נשמה פון דעם, צו יענער צייט, שוין סאָציאַליסטיש און רעוואָלוציאָנער געשטימטען יונגען סירקין, און די מעגליכקייטען פאַר נאַציאָנאַלער רענעסאַנס, וועלכע זיינען געלעגען אין די ערשטע באַשיידענע שריט צו פאַרווירקליכען דעם אידעאַל פון שיבת־ציון, האָט אַפּעלירט צו זיין ראָמאַנטיש געשטימטען און אומרוהיג זוכענדען גייסט. ער ווערט צו יענער צייט און פאַרבלייבט זיין לעבענס־לאַנג אַ הייסער אַנהענגער, פּראָפּאַגאַנדיסט און פאַרטהיידיגער פון דעם ניי־באַלעבטער העברעאישער שפּראַך.

דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין וואַקסט און שטאַרקט זיך ביי איהם גלייכצייטיג מיט דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון זיין אַקטיווען אַנטייל אין קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזם.

אין מיטען פון די נײַנציגער יאהרען, אין דער באַגינען פעריאָדע פון דער ברייטער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אין רוסלאַנד, בשעת דער אידישער קאָסמאָפּאָליט־סאָציאַליסט האָט באַטראַכט דעם ציוניסט און נאַציאָנאַליסט ווי אַ שונא, און דיביידע האָבען אין נאָמען פון זייערע אידעאַלען איינאַנדער ביטער באַקעמפט, — איז נחמן סירקין אַרויס אין דער עפענטליכקייט מיט דעם גרויסען אמת, אַז די דאָזיגע צוויי אידעאַלען, דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם, זיינען ניט און קענען ניט סותר זיין איינער דעם צווייטען, — נאָר אין געגענטייל, איינער איז אַ נויטיגע דערגענצונג צום אַנדערען. אַז אַ סאָציאַליזם, וועלכער אַנערקענט ניט דאָס רעכט פון דעם אידישען פאָלק, און פון יעדען פאָלק, אויף נאַציאָנאַלע פרייהייט און זעלבסט־באַשטימונג, איז ניט קיין פולשטענדיגע פרייהייטס באַוועגונג; און אַז אַ ציוניזם, וועלכער זוכט אַ אידישע היימלאַנד, אָבער וועלכער איגנאָרירט די נאַטירליכע שטרעבונגען מצד די אַרבייטענדע מאַסען צו סאָציאַלער פרייהייט, וועלכע דאַרף זיין דער יסוד פון יעדע נייע געזעלשאַפט, — איז בלויז אַן ענגע, אַ באַגרעניצטע פאָרשריטליכע באַוועגונג.

דער סאָציאַליזם, צו ווערען איינפלוסרייך און ווירקזאַם, מוז העלפען די נאַציאָנאַלע פריי־הייטס באַוועגונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער, ווייל בלויז די פרייע פעלקער זיינען דער באַזיס פאַר'ן אמת'ן אינטערנאַציאָנאַליזם און פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט; און דער נאַציאָנאַליזם מוז זיך אָפּשיידען פון יעדען שאָוויניזם און אריינגעמען אין זיך דעם גרויסען אידעאַל פון סאָציאַלען יושר, ניט בלויז ווי אַן אבסטראַקטע אידעע, נאָר ווי אַן אַקטועלע, קאָנקרעטע אויפגאַבע, — ווי אַ יסוד פון דעם איבערבוי פון נאַציאָנאַלען לעבען.

און מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק האָט דר. נחמן סירקין אויף זיך גענומען דאָס, וואָס ער האָט צו יענער צייט אָנגערופען: די אונדאַנקבאַרע אויפגאַבע פון זיין אַ ציוניסט צווישען סאָציאַליסטען און אַ סאָציאַליסט צווישען ציוניסטען. די דאָזיגע מיסיע האָט ער גלענצענד דורכגעפיהרט. ער האָט דערלעבט די צייט, ווען פיעלע פון זיינע ערשטע געגנער האָבען אַקצעפּטירט די הערליכע אידעע פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם; און ווען דער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין ארץ ישראל באַגייסטערט מיט זיינע אויפטואונגען די בעסטע דענקער און ערנסטע פאָרגעשריטענע עלעמענטען פון אַלע פעלקער.

אין בערלין, וואו ער באַזוכט די אוניווערסיטעט און שטודירט פילאָזאָפיע, אין דער שווייץ, וואו ער שטודירט אַ ווייל אויך מעדיצין, ווידער אין דייטשלאַנד פון וואַנען די רעגירונג ווייזט איהם אויס צוליעב סאָציאַליסטישע אַקטיוויטעט, און באַלד נאָכדעם אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, און שפּעטער אין אַמעריקאַ פיהרט אָן סירקין אַן אונערמידליכע און באמת גלענצענדע אַגיטאַציע מיט וואָרט און שריפט פאַר'ן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישען אידעאַל. ער איז דער שטענדיגער רעבעל געגען די איבלען פון דער געזעלשאַפט. איהם שטעלט ניט צופרידען קאָמ־פּראָמיסען און האַלבקייטען. מיט דרייסטקייט נעגירט ער דעם גלות און זוכט זיין אָפּשאַפונג דורך דער עטאַבלירונג פון אַ אידישען היימלאַנד, ווייל אין די שפלות פונ'ם גלות־לעבען ליגען די וואָרצלען פון דער אידישער היימלאָזיגקייט, די אורזאַכע פון עקאָנאָמישער אומפּראָדוקטי־וויטעט. ער ווערט דער נביא און גרויסער אַפּאָסטאָל פון דער רעוואָלוציאָנערער אידעע, וועלכע צילט אין גאַנצען איבערצואַנדערשען דעם אידישען פאָלקס־לעבען און פאַרוואַנדלען אַן אונטער־יאָכטען פאָלק פון לופט־מענשען און ניט־פּראָדוקטיווע עלעמענטען, וועמענס גאַנצער טראַגיזם ווייזט זיך אַם בולטסטען אַרויס מיט יעדע סאָציאַלע איבערקעהרעניש אין די גלות לענדער — (ווי צ. ב. איצט אין סאָוועט־רוסלאַנד) אין אַ פרייען פאָלק פון פּראָדוצירער און שאַפער אין אַן אייגענעם פריי־לאַנד.

אין יאָהר 1898 ערשיינט אין דער דייטשער שפּראַך זיין ערשטע באַדייטענדע שריפט פאַר'ן סאָציאַליסטישען ציוניזם: „די יודענפראַגע און דער סאָציאַליסטישער יודענשטאַאט“.

סירקין איז געווען פון די ערשטע, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו טהעאָדאָר הערצל'ן, אין די ערשטע טעג פון פּאָליטישען ציוניזם, און פון דער טריבונע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסען האָט זיך מוטיג געלאָזט הערען די שטימע פונ'ם אידישען סאָציאַליזם. קליין אין צאָהל זיינען אין יענע יאָהרען געווען די אָנהייגער פון סאָציאַליסטישען ציוניזם אין דער ציוניסטישער וועלט, און נחמן סירקינ'ס שטאָלצער און וואָגענדער אויסרוף אַז „דער אידישער שטאַאט וועט זיין אַ סאָציאַליסטישער אָדער ער וועט גאָר ניט זיין“ האָט שאָקירט ניט בלויז די בירגערליכע בעל־הבית'ישע דעלעגאַטען נאָר אויך די הויפּט מחותנים, די קאָנגרעס פיהרער, וועלכע האָבען מורא געהאַט פאַר אַ חלול השם, וועגען וואָס וועט זאָגען די אויסערליכע „רעספּעקטאַבעלע“ וועלט. סירקינ'ס שטאָלצער וואָרט איז אָבער געווען אַ נביא'שער אָנזאָג פון אַ צייט, פון דער געגענוואַרטיגער צייט; ווען די מעכטיגע סאָציאַליסטישע „הסתדרות הפועלים העברים בארץ ישראל“ מיט איהרע שטאָדטיגע קאָאָפּעראַטיווען און קאָמונעלע אַגריקולטורעלע קבוצות, שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, און אין דער פאַרווירקליכונג פון דעם ציוניסטישען פרייהייטס אידעאַל.

דר. נחמן סירקין איז געווען א גרויסער דענקער און א פילאָזאָף. זיינע שריפטען אנט־פּלעקען א טיפע און ברייטע ערודיציע, ווי אויך די טיפזיניגקייט פון א גרויסען גייסט; אָבער אזוי ווי זיין גרויסער פאָרגענגער און ליעבלינגס־העלד משה העס, איז ער אין דער ערשטער ליניע געווען אן אומרוהיגער און אונערמידליכער קעמפפער, וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען פון שטעהען אליין פאר זיינע איבערצייגונגען, ניט קוקענדיג אויף פארלוימדונג, פאַרפאָלגונג און פערזענליכע ליידען, ווען דער אמת און די אינטערעסען פון פאָלק זיינען געשטאנען אין קאָן, האָט ניט עקזיסטירט פאר איהם די מאַיאָריטעטען שטימען פון זיין פּאַרטיי, אָדער די הערשענדע מיינונג אויסערהאַלב דער פּאַרטיי. זיין אָרגאַנדיזם, זיין שטעלונג אין דער וועלט־מלחמה, זיין ענדערונג פון מיינונגען און שטעלונג צו געוויסע צייט ערשיינונגען, בשעת ער איז אין דער זעלבער צייט געשטאנען פעלזענפעסט אויפ׳ן וואך־פּאָסטען פון דעם סאָציאַליס־טישען ציוניזם, און הויך געהאַלטען די פאָן פון דער אידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַ־פרייאונג, איז דיקטירט געווען פון זיין אומבאגרעניצטער ליעבע צו די ליידענדע מאסען און זייערע העכערע אינטערעסען. עס איז געווען א נאַטירליכע אויפברויזונג פון א גרויסען, אומ־רוהיגען גייסט — א גייסט, וועלכער האָט ארומגעשוועבט אומבאגרענעצט אין די הויכע וויים־קייטען פון דער אידעאַלער גייסטיגער וועלט פון ריינע פרינציפּען און אידעען, זוכענדיג דעם אייביגען אמת און א פּתרון צו דער רעטעניש פון לעבען, און איז גלייכצייטיג אָנגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערען אומגעדולד, מיט דער צו־לאַנגזאמער באוועגונג פון דעם מענשליכען פאָרט־שריטס־גאַנג אויף אונזער זינדיגער ערד.

אין לויף פון קאַמף פאר׳ן סאָציאַליסטישען ציוניזם, פאר׳ן פּועלי־ציוניזם, איז סירקינ׳ען אויסגעקומען שארף צו באַקעמפען יענע געגנערשאַפט, וועלכע האָט, אין נאָמען פון אַזוי־גענאַנטער פרייהייט, פון אן אבסטראַקטען סאָציאַליזם און א נעבעל־האַפטען אינטערנאַציאָ־נאַליזם, — זיך באַמיהט צו לעגען וואָס מעהר שטיינער אין וועג דער אידישער פרייהייט באוועגונג מיט איהר קאָנסטרוקטיווען סאָציאַליזם, און געזוכט ביזוויליג פאַלש אויסטייטשען דעם פרייהייטליכען תוכן פון דעם ציוניזם. דעם דאָזיגען קאַמף האָט סירקין אָנגעפאַנגען אין ערשטען נומער פון זיין זשורנאַל „המון“ (בערלין 1903) מיט׳ן ארטיקעל „דער ציוניזם און דער בונד“, און האָט דעם ויכוח פאָרגעזעצט שפּעטער אויך אין אַמעריקא מיט די אַסימילאַטאָריש־געשטימטע אידיש־שפּרעכענדע סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דער גייסטיגער השפעה פון די בונדיסטישע עמיגראַנטען פון רוסלאַנד.

דער פּלאַץ פאר דיזען ארטיקעל איז באַגרענעצט און איך קען דאריבער זיך ניט אָפּשטעלען אויף פיעלע פאַזען פון דער טהעטיגקייט פון אונזער גרויסען פיהרער. צוליעב דער זעלבער אורזאַכע קאָן איך בלויז דערמאָנען סירקינ׳ס וואונדערבארע ארבייט פאר דער באוועגונג צו פאַראייניגען דעם אַמעריקאַנעם און דערנאָך דעם אַלוועלטליכען יודענטהום אין גרויסע קאָנ־גרעסען, וועלכע זאָלען פאָרמירען אן אויטאָריטעטע אידישע פאָרטרעטערשאַפט אין קעמפען פאר אידישע רעכט אין אַלע לענדער, און פאר דעם אויפבוי פון דער אידישער היימלאַנד אין ארץ ישראל. אין דער דאָזיגער ארבייט האָט זיך נחמן סירקין ארייינגעוואָרפען גלייך נאָך דעם ווי די גרויסע וועלט־מלחמה האָט אָנגעהויבען חרוב מאַכען דעם אידישען לעבען אין אייראָפּאַ פון איין זייט, און די באַלפור־דעקלאַראַציע מצד דער ענגלישער רעגירונג, האָט פון דער אַנדער זייט געבראַכט דעם פּאָליטישען ציוניזם אויפ׳ן שוועל פון היסטאָרישער פאַרווירקליכונג. אין יענע טעג שרייבט ער די פאָלגענדע ווערטער: ...„אָט איז ווידער געקומען א שטורעם אויף דער וועלט. דאָס אידישע פּראָבלעם שטעהט אין זיין גאַנצער שרעקען און פאָדערט זיין לייזונג. און כמעט ווי פון זיך זעלבסט האָט די מאַיאָריטעט פון די אידישע באוואוסטזיניגע ארבייטער זיך געווענדעט צו די געדאַנקען פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם. א פרייע לאַנד פאר דער אידישער נאַציע איז ניט דער היפוך, נאָר די ערגענצונג פון אידישען סאָציאַליזם, און אז דאָס פרייע אידענלאַנד דאַרף זיין אויפגעבויט אויף העכערע סאָציאַלע יסודות, איז דער לאָגישער פּועל יוצא פון ציוניזם. איז דאָס אָבער רעאַל־מעגליך, דורכפיהרבאַר? ווער עס

גלויבט אין די כחות פון אידישען פּראָלעטאַריאַט, קען ניט לייקענען אין די כחות פון דער אידישער נאַציע, און ווער עס האָפּט אויף דער אויפלעבונג פון דער אידישער נאַציע, קען זיך ניט פאָרשטעלען דיזע אויפלעבונג פון דער נאַציע אָהן דער פיהרערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט."*)

אין יאהר 1919 פאהרט סירקין ווי איינער פון די שלוחים פון דעם אַמעריקאַנער יודענטהום, פאָרצוברייינגען די אידישע פאָדערונגען צום פרידען קאָנגרעס אין ווערסייל. דעם פאָלגענדען יאהר (1920), אינאיינעם מיט די אנדערע חברים פון דער פּועלי־ציון קאָמיסיע, באַזוכט ער צום ערשטען מאָל ארץ ישראל, און ווערט פון די אידישע ארבייטער מאַסען און סאָציאַליסטישע קרייזען אויפגענומען מיט גרויס ליעבע ווי עס האָט פאַרדינט דער פאָטער פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם.

ער פאהרט פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, פון שטאָדט צו שטאָדט און זעהט ווי עס ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר דער פאַרווירקליכונג פון זיינע שעהנסטע לעבענס אידעאַלען. גראָד אין יענע טעג קומען פאַר די בלוטיגע צוזאַמענשטויסען אין גליל און ער שרייבט דאָרט אָן זיין בריליאַנטענעם שריפט „הגנת החיים", וועלכע רופט די ארבייטער צו שטעהען פעסט אין קאַמף צו פאַרטיידיגען זייערע עראָבערונגען געגען די שונאים פון אינווייניג און פון דרויסען. דער דאָזיגער אויסדרוק פון אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער נשמה, איז באַלד פון דער „אחדות עבודה" אָפּגעדרוקט געוואָרען אין אַ פלוגבלאַט וועלכע איז וויית און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

ער קומט צוריק אין אַמעריקא, ווערט איינער פון די הויפּט מיטאַרבייטער פון דער טעגליכער פּועלי־ציון צייטונג „די צייט". ער וואַרפט זיך ווידער אריין אין געזעלשאַפטליכע און פּאַרטיי טהעטיגקייט. ער ארבייט אויך אויף אַ גרעסערע ווערק וועגען דער אידישער געשיכטע און פילאָזאָפיע פון יודענטהום, און אין מיטען פון אָט דער דאָזיגער פיעל־פאַרצווייגטער אַקטיוויטעט קומט פּלוצלונג אָן דער טויט און רויבט אוועק פון דעם אידישען פאָלק דעם גרויסען באַנער טרעגער פון דער אידישער פרייהייט, — אין לעבענס־עלטער פון 56 יאהר.

* * *

נחמן סירקין האָט באַטראַכט דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם ניט בלויז ווי אַ פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונג, נאָר אויך ווי אַ נייע אַרויספאָדערונג פון אידישען פאָלק געגען דער וועלט און דער געשיכטע.

„דורך די דערקענטניש פון זיין אייגענער קולטור־ווערט, און זיין שאַפענדער קראַפט זוכט דאָס אידישע פאָלק אין דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם אַ נייע וועלט פון קולטור, אַ נייע אָרדענונג פון געזעלשאַפט, אַ נייעם ווילען פון געשיכטע. עס איז נאָך אַ טענדענץ, אַ האָפענונג, אַ מיסטישע זענזוכט פון אַ פאָלק נאָך אַ טהאַט און אַ וואונדער, אָבער אַ זענזוכט, וועלכע ראַנגעלט זיך פאַר היסטאָרישער געשטאַלט, וועלכע זוכט די קלייד פון רעאַליטעט." **)

אָט די דאָזיגע אידעע פון אַרויסברייינגען די שכינה אין דעם מלכות הרוח, ווי סירקין, דריקט זיך אויס, ציהט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דורך די אַלע עפּאָכען פון דער לאַנגער אידישער היסטאָריע, און געפינט אויסדרוק אין פאַרשידענע אידעען און שטרעבונגען.

נחמן סירקין האָט זיינע געדאַנקען און שטרעבונגען ניט באַגרעניצט בלויז אויף דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. ער איז געווען דער גרויסער אידישער פּאַטריאָט „פאַר

---

*) זעהט: „דער סאָציאַליסטישער ציוניזם" (1915) זייטע 271־270 ערשטער באַנד, נ. סירקין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפטען אַרויסגעגעבען פון פערלאַג פּועלי ציון 1925.

**) זעהט: געדאַנקען וועגען סאָצ. ציוניזם, זייטע 317־316, געקליבענע ציוניסטיש־סאָצ. שריפטען.

עקסעלאַנץ". זיין הויכער פּאַטריאַטיזם האָט אָבער אין זיך ניט געהאַט קיין שפּור פון שאָ־וועניזם. ס'איז געווען אַ נאַציאָנאַליזם און אַ פּאַטריאָטיזם דורכגעדרונגען מיט אַ געפיהל פון הויכע מאָראַלישע אחריות אין צווישען־פעלקערליכע באַציהונגען.

ער האָט געגלויבט אַז טיעף אין הארצען פון די פעלקער מאסען וואָרצעלט דער געפיהט פון יושר און דער גלויבען אין אינטערנאַציאָנאַלער הארמאָני און אוניווערסאַלען שלום. פאַר זיין וויזיאָן האָט שטענדיג געשוועבט דער אחרית הימים אידעאַל פון ישיעה הנביא.

אָבער אינטערנאַציאָנאַלע הארמאָני און דויערהאַפטער שלום קאָן פאַרווירקליכט ווערען בלויז דורך דער אַלגעמיינער אַקצעפּטירונג פון דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער פרייהייט און גלייכבארעכטיגונג.

ער איז אָבער ניט געווען פון יענע פּאַסיפיסטען וועלכע זיינען גרייט אָנצונעמען פרידען אונטער יעדען פּרייז. ער איז ניט געווען קיין שטילטרעטער. זיין „פּראָ־על....“ שטעלונג אין דער גרויסער וועלט־מלחמה איז באַזירט געווען אויף זיין אויפריכטיגען גלויבען אַז דער נצחון פון די עלאַאירטע וועט פיהרען צו דער פאַרשטאַרקונג פון דעמאָקראַטיע, צו דער צוברעקלונג פון די אימפּעריעס און צו דער באפרייאונג פון די אונטעריאָכטע נאַציאָנאַליטעטען.

סירקין האָט ענטוזיאַסטיש געפאָדערט די אַקצעפּטירונג און אנפּאַסונג אין דעם אינער־ליכען לעבען פון די פעלקער ווי אויך אין זייערע אינטערנאַציאָנאַלע באַציהונגען פון דעם הויכען מאָראַלען פּרינציפּ פון דעם באַריהמטען דייטשען פילאָזאָף, עמאַנועל קאַנט, אַז דער מענש טאָר ניט באַטראַכטען דעם אַנדער מענשען אַלס אַ מיטעל, נאָר יעדער אינדיווידיאום איז אַ זעלבסטצוועק פאַר זיך. ער האָט געגלויבט אַז די אָנווענדונג פון דעם דאָזיגען קאַנטישען פּרינציפּ אין סאָציאַלען לעבען וועט אָפּשאַפען עקספּלאָאַטאַציע און פאַרוואַנדלען די מענשליכע געזעלשאַפט פון אַן אינדיווידואַליסטישער אין אַ קאָאָפּעראַטיווער און אַ סאָציאַליסטישער, און אַז די פּראָקלאַמירונג פון'ם זעלבען מאָראַלען פּרינציפּ אין די באַציהונגען צווישען די פעלקער „פיהרט צו דער באַגרינדונג פון דעם פרייען אינטערנאַציאָנאַלען בונד פון די פעלקער און דעם אייביגען פרידען".*)

* * *

דער ליכטיגער אנדענק פון סירקין און באַראָכאָוו איז איינע פון די סאַמע אויסטערליש־הייליגע גייסטיגע גיטער פון דעם ערוואַכטען אידישען פּראָלעטאַריאַט. זייערע עקזאַלטירענדע גייסטער באַזעעלען היינט צו טאָג די בראַווע זיהן און טעכטער פון אונזער פאָלק, וועלכע קעמפען, ליידען, בויען און שאַפען די אידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין ארץ ישראל, — אין די קבוצות פון גליל און עמק יזרעאל. זיי, די היינטיגע חלוצים און חלוצות זיינען די אמת'ע ווירדיגע נאָכפאָלגער פון סירקין און באַראָכאָוו דורך דעם, וואָס זיי דערמאַנען דעם מוט און דעם העראָאיזם צו פאַרווירקליכען שוין היינט אין זייער אייגענעם אַלטעגליכען לעבען די שעהנסטע סאָציאַלע צוקונפטס טרוימען פון דער פּראָגרעסיווער און סאָציאַליסטישער וועלט.

אין מיטען פון אַלע שטורעמס און קריזיסען, וועלכע די אידישע ארבייטערשאַפט אין ארץ ישראל, און אין חוץ לארץ וועט נאָך דאַרפען דורכמאַכען און איבערקומען, איידער דער גלאָררייכער ענד־ציל פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם וועט רעאַליזירט ווערען, וועלען די העהליכע גייסטיגע געשטאַלטען פון סירקין און באַראָכאָוו אונז און אונזערע נאָכפאָלגער אין קאַמף דינען ווי אַ פאַראויסגעהענדע וועג־ווייזענדע פייער־זייל, און זייערע שריפטען, וועלען פאַר אונז זיין אַ קוואַל פון באַגייסטערונג.

---

*) זעה סירקינ'ס נאַצ. פרייהייט און אינטערנאַציאָנאַלע איינהייט, זייט 60־61, אויס־גאַבע איד. נאַצ. ארב. פאַרבאַנד 1917).

וואַשינגטאָן, ד. ק., חנוכה 1925.

דער וועלט פֿאַרבאַנד פּועלי ציון

פֿון יצחק זאר

אין 1907, אין דער צייט פֿון 8־טען ציוניסטישען קאָנגרעס, אין האַג, האָללאַנד, האָבען זיך די פּועלי־ציוניסטישע דעלעגאַציעס פֿון רוסלאַנד, עסטרייך, מעריב־אייראָפּאַ, ענגלאַנד און אַמעריקא פֿאַראייניגט אין איין פֿראַקציע, גענענאַיבער דעם קאָנגרעס און געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַן אַלוועלטליכע אָרגאַניזאַציע פֿון פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטייען און גרופּען.

עס איז געווען אַ נאַטירליכע זאַך, אַז פּועלי־ציון, וועלכע באַטראַכטען דאָס אידישע פֿאָלק אין דעם גלות אַלס אייגהייט; פֿאַר וועמען די אייגענע נאַציע איז ברייטער פֿון די באַזונדערע מלוכה גרעניצען און יעדעס לאַנד אויסער ארץ ישראל האָט, אין גרונד גענומען, דיזעלבע אידען־פֿראַגע; אַז זיי זאָלען דאָס אַלגעמיינע, דאָס פֿאַראייניגענדע זוכען אויסצודריקען אין אַ פּראָגראַם און אין אַן אָרגאַניזאַציע.

און דער ערשטער האַגער צוזאַמענפֿאַהר, די גרינדונגס קאָנפֿערענץ, האָט פֿעסטגעשטעלט די פּראָגראַם, וועלכע איז עד היום דער לייטמאָטיוו פֿון אַלע פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטייען און גרופּען אין דער וועלט, און אָנגעצייכענט דעם אַפּאַראַט, וועלכער פֿונקציאָנירט אויך היינט.

צו יענער צייט איז דער פּועלי־ציוניזם געווען יונג אין ערפֿאַהרונג. גלות ארבייט אין דעם ברייטען זין פֿון וואָרט, ווי זי ווערט יעצט פֿאַרשטאַנען און געפֿיהרט. די גלות ארבייט, וועלכע נעהמט אריין פֿון שול־וועזען ביז נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, לויט די אומשטענדען פֿון יעדען לאַנד באַזונדער, האָט נאָך ניט פֿאַרנומען איהר יעצטיגען חשוב'ן פּלאַץ אין די פּרינציפּען און טהעטיגקייט פֿון אונזער באַוועגונג. אין רוסלאַנד האָבען די פּועלי־ציון געפֿיהרט דעם פּאָליטישען קאַמף געגען דער זעלבסטהערשונג און אין די אַנדערע לענדער האָבען מיר ערשט אָנגעפֿאַנגען אונזער קולטורעלע באַלעבונג פֿון דער אידישער גאַס.

דערפֿאַר איז גלות־ארבייט אין ברייטען פֿאַרנעהם, ניט אריין אַלס אַן עיקר אין דער פּראָגראַם פֿון געגרינדעטען וועלט־פֿאַרבאַנד. די גרונד יסודות זיינען געווען דער אויסבויען פֿון ארץ ישראל, און דער קאַמף פֿאַר'ן סאָציאַליזם. די צוויי פּרינציפּען, אָהן וועלכע פּועלי־ציוניזם האָט קיין זין ניט. גלות ארבייט אַלס אַזאַ איז אריין אין דער פּראָגראַם, אַלס אָפֿיציעלער פּונקט פֿון די פֿאַרבאַנד סטאַטוטען, ערשט אויף דער לעצטער, זיבעטער, וועלט קאָנפֿערענץ, אין וויען, אין 1925, צו דער צייט פֿון 14־טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

דער אַפּאַראַט איז פֿאַרבליבען דערזועלבער ביז היינט צו טאָג. די העכסטע אינסטאַנץ פֿון דער באַוועגונג איז די וועלט קאָנפֿערענץ, וועלכע קומט פֿאַר געוועהנליך אין דערזעלבער צייט ווען דער ציוניסטישער קאָנגרעס, כדי צו שפּאָרען צייט און הוצאות. אַן אויסנאַהמע איז געווען די 5־טע וועלט קאָנפֿערענץ פֿון 1920, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין וויען, נאָך דער יאהרעס־קאָנפֿערענץ אין לאָנדאָן, פֿאַר דעם 12טען קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד.

די וועלט־ קאָנפֿערענץ באַשטעהט פֿון דעלעגאַטען פֿון די פֿאַרשידענע אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען און גרופּען, און די צאהל שטימען וואָס יעדע פֿון די לאַנדעס אָרגאַניזאַציעס האָט, איז לויט איהר מיטגלידערשאַפֿט און אַלגעמיינע וויכטיגקייט אין דער באַוועגונג.

די קאָנפֿערענץ וועהלט אַ סעקרעטאַריאַט, וואָס איז דאָס זעלבע, ווי אַן עקזעקוטיווע, וועלכע טיילט זיך אין צוויי העלפֿט, אַ ביורא אין אייראָפּא פֿאַר פּאָליטישע, קולטורעלע, אָרגאַניזאַטאָרישע און ארץ ישראל ארבייט; און אַ ביוראָ אין ארץ ישראל צו פֿאַרוואַלטען מיט דעם בודזשעט און צו העלפֿען דעם ארבייטער ישוב אין דעם לאַנד פֿון אונזערע האָפֿנונגען.

פאַר דער וועלט מלחמה זיינען פאָרגעקומען פיער וועלט קאָנפערענצען. אויף דער צווייטער, אין 1909, איז געגרינדעט געוואָרען דער פּאַלעסטינאַ ארבייטער פאָנד אַלס אַן אונפּאַרטייאישער פאָנד צו שטיצען דעם ארבייטער ישוב אין ארץ ישראל אָהן אונטערשיעד פון פּאַרטיי.

דאָ איז כדאי צו דערמאָנען, אַז דער וועלט פאַרבאַנד האָט ביי זיין גרינדונג געהאַפּט אריינצונעהמען אין זיינע רייהען ניט בלויז אויסגעשפּראָכענע פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטייען, אָדער גרופּען, נאָר אויך אנדערע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווילען מיטהעלפען אין דער ארבייטער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל. דער פאַרבאַנד איז דאַריבער ביז אַ געוויסען גראַד געווען געדאַכט אַלס עטוואָס ברייטער ווי די פּועלי־ציוניסטישע וועלט און אַלע זיינע אינסטיטוציעס, און ספּעציעל דער פּאַלעסטינאַ ארבייטער פאָנד, האָבען פון אָנפאַנג אָן, זיך געשטעלט אויפגאַבען, וועלכע אַלע אידישע ארבייטער קענען אויף זיך נעהמען — אפילו ווען זיי זיינען מיט אונז ניט מסכים אין דער אלגעמיינער אויספיהרונג פון דער אידישער פראַגע און די פּרינציפּען פון ארץ ישראל אויפבוי.

די מלחמה האָט אונזער פאַרבאַנד ניט צובראָכען, אָבער אָפּגעשוואַכט, ווייל קיינע קאָנפערענצען האָבען ניט געקענט פאָרקומען, און קיין לעבעדיגער קאָנטאַקט צווישען אַלע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס איז ניט געווען מעגליך.

די חברים אָבער פון דער אייראָפּעאישער ביוראָ, וועלכע האָט אגב געמוזט, פון צייט צו צייט, בייטען איהר זיץ־פּלאַץ, האָבען ניט דורכגעלאָזען קיין איין געלעגענהייט צו פאַרבינדען די פּועלי־ציון באַוועגונג מיט דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל — אויף וויפיעל ער האָט אין קריגס־צייט פונקציאָנירט — און צו ברייננגען די פּועלי־ציוניסטישע פאָדערונגען צו דער סאָציאַליסטישער און אַלגעמיינער עפענטליכקייט.

אונז איז געלונגען צו מאַכען די נויטיגע פאַרבינדונגען און נאָך איידער די צובראָכענע רייהען פון אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט האָבען זיך אָנגעהויבען ווידער צו שליסען, זיינען מיר שוין געווען אנערקענט אַלס טייל פון דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער משפחה און אונזערע פאַרבינדונגען זיינען אריין אין דער פרידענס־פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטען.

אין 1920, אויף אונזער פינפטער וועלט־קאָנפערענץ, האָבען מיר זיך אָבגעטיילט פון די פּועלי־ציון, וועלכע זיינען פערבאַפּט געוואָרען פון קאָמוניסטישען שטרעבען אין יענע יאהרען פון באָלשעוויסטישען ליגעס־רויש, ווען מאַנכע פון אונזערע גרופּען האָט עס געשיינט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע לויט'ן מאָסקווער שניט שטעהט אויפ'ן סאַמע שוועל. די מלחמה האָט אונז איינע פון די אנדערע דערוויטערט, און אין מאַנכע וויכטיגע פראַגען האָט זיך די באַוועגונג געזעהען צוטיילט — אָבער דער הויפּט פּונקט און אָפיציעלער גרונד פון דער שפּאַלטונג איז געווען די שטעלונג צום דריטען אינטערנאַציאָנאַל. צווישען די אָפּגעשפּאָלטענע לינקע זיינען געווען פאַרשידענע שטרעמונגען, וועלכע האָבען זיך שפּעטער צווישען זיך צוטיילט; מאַנכע זיינען אוועק צו די קאָמוניסטען און אויפגעגעבען זייער פּועלי־ציוניזם, ווען מאַנכע זיינען געקומען צוריק צום פערבאַנד. די לינקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געבליבען מחוץ פון די קאָמוניסטען אין אונזער פאַרבאַנד, איז מאָמענטאַל קליין אין צאהל און פון קיין באדייטונג אויף דער אידישער גאַס, — מיט דער אויסנאַהמע אפשר פון די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון אין רוסלאַנד, וועמעס ראָלע איז ניט קלאָר, צוליעב די אומשטענדען אין סאָוועטען־לאַנד.

אַ קאַרגען יאהר נאָך דער שפּאַלטונג, וועלכע איז צוזאַמענגעפאַלען מיט די שפּאַלטונגען אין די סאָציאַליסטישע רייהען פון אַלע לענדער, איז פאָרגעקומען דער גרינדונגס צוזאַמענפאָהר פון יענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען ארויס פון צווייטען און ניט צוגעשטאַנען צום דריטען אינטערנאַציאָנאַל. עס איז געגרינדעט געוואָרען דער אַזוי גערופענער ווינער אינטערנאַציאָנאַל מיט'ן צוועק צו פאַראייניגען די צוויי געגנער. אין יענעם אינטער־

נאַציאָנאַל איז דער פּועלי־ציון פאַרבאַנד אריין אַלס פול־בארעכטיגטע טייל, אַלס די אידישע סעקציע אונאבהייננגיג פון לאַנד.

שפּעטער ווען דער וויענער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט'ן צווייטען — אויף דעם האַמבורגער קאָנגרעס, איז אונזער פאַרבאַנד געוואָרען אַ טייל פון דעם פאַראייניגטען אינטערנאַציאָנאַל. דאָרט זיינען מיר פאַרטראָטען אַלס פאַרבאַנד, אָבער דורך ארץ ישראל. דאָס מיינט, אַז מיר פאַרטרעטען אַ באַשטימט לאַנד, ווי עס איז דער אָרגאַניזאַטאָרישער פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַל, און אין דער זעלבער צייט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וואָס לעבט אין אַלע לענדער.

צוליעב דער מלחמה ווען די „לינקיזען" פון פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס דאָ און דאָרט אין אייראָפּאַ, זיינען אויפ'ן פּלאַץ פון די אמת'ע און עכטע טיילען פון אונזער באַוועגונג אויסגעוואַקסען צעירי־ציוניסטישע פּאַרטייען, וועמעס פּראָגראַם און טהעטיגקייט זיינען וואָס אַמאָל נעהענטער געוואָרען צו אונזערע און מיט וועמען מיר האָבען זיך גלייך נאָך דער זיבעטער וועלט־קאָנפערענץ אין וויען, פאַראייניגט אין איין פאַרבאַנד, וועלכער הייסט יעצט „אַלוועלט־ליכער פאַרבאַנד פּועלי־ציון" און אין קלאַמערען (פאַראייניגט מיט צ. צ.).

דורך דער פאַראייניגונג איז אונזער באַוועגונג גרעסער געוואָרען אין פיעלע לענדער און מאַסשטאַב דורך דעם געווינען פון פּאַרטייען אין לענדער, ווי ליטא און רוסלאַנד, וואו מיר האָבען אונזערע אָרגאַניזאַציעס געהאַט פערלאָרען.

דער פאַרבאַנד פּועלי־ציון איז אויך די קערפּערשאַפט, וועלכע פאַרטרעט די באַוועגונג על פּי דעם בירגערליכען ציוניזם. אונזערע שייכות מיט דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע דריקען מיר אויס בלויז דורכ'ן פאַרבאַנד. אין אַלע אַנדערע לענדער זיינען די פּועלי־ציוניסטי־שע פּאַרטייען אָדער גרופּען, אַלס לאַנדעס אָרגאַניזאַציעס, זעלבסטשטענדיג און געהען נ י ט אריין אין די ציוניסטישע פעדעראַציעס.

דער פּועלי־ציוניסטישער וועלט־פאַרבאַנד איז אַלזאָ די פאַראייניגונג פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע פאַרטרעט די אידישע ארבייטער על פּי דעם סאָציאַליזם און דעם ציוניזם און רעגולירט אַלע טיילען פאַר די גרויסע אויפגאַבען פון פּראָלעטאַרישען קאַמף, פּיעלזייטיגע גלות ארבייט און סאָציאַליסטישען אויפבוי פון ארץ ישראל.

די אחדות העבודה אין ארץ ישראל

פון בן מרדכי

די געשיכטע פון פועלי ציוניזם אין ארץ ישראל טיילט זיך דערווייל איין אין צוויי עפּאָכעז. די ערשטע עפּאָכע איז געוועז אַ פּעריאָדע פון אַנזאַמלונג פון כחות, און פון פּראָגראַם שאַפונגען און עקספּערימענטען מיט סאָציאַליסטישע אינסטיטוציעס, און האָט זיך פאַרענדיגט אין 1919. די צווייטע עפּאָכע איז אַ פּעריאָדע, אין וועלכען דער פּועלי־ציוניזם ווערט דער אָנפיהרענדער כח פון דער גאַנצער אַרבייטערשאַפט פון ארץ ישראל און באַשעפטיגט זיך ניט נור מיט אַנטוויקלען דעם סאָציאַליסטישען באַוואוסטזיין פון דעם ארבייטער און אויסבעסערען זיין מצב, נור ווערט אויך דער וויכטיגסטער קאָלאָניזאַטאָרישער פאַקטאָר פון דעם אידישען ישוב. דער פּועלי־ציוניזם אין ארץ ישראל שאַפט אין דער שפּעטערדיגער פּעריאָדע אויף אַן אחריות'דיגען אופן אַ זעלבסטשטענדיגע סאָציאַליסטישע פּאָליטיק, אַן אַרבייטער קולטור, און אַן אייגענע סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציאָנס טהעטיגקייט.

דער קערנדעל פון פּועלי־ציוניזם ווערט פאַרזעעט אין ארץ ישראל אין אָנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאהרהונדערט, ווען איינצעלנע ציוניסטען־סאָציאַליסטען באַזעצען זיך אין לאַנד. אַ גרעסערע אַרבייטער אימיגראַציע פאַנגט זיך ערשט אָן נאָך דעם האָמלער פּאָגראָם און נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905. פּועלי־ציון חברים פון רוסלאַנד, און שפּעטער אַ פּאָר חברים פון אמעריקאַ און פון אנדערע גלות לענדער, פאַנגען אָן אַריינקומען אין אַ בעדייטענדער צאהל, און עס ווערט בעשאַפען די מעגליכקייט צו גרינדען אַ פּאַרטיי. אין סכות תרס"ז (1906) ווערט צוזאַמענגערופען אין רמלה דער ערשטער צוזאַמענפאהר, אויף וועלכען עס ווערט פאָרמולירט דאָס ערשטע פּועלי־ציון פּראָגראַם.

די גרויסע לאָזונג אין יענע אָנפאַנגס יאהרען איז געוועז „כבוש העבודה". אידישע אַרבייטער האָבען באַשלאָסען, אַז דער ישוב מוז געבויט ווערען דורך אידישע ארבייט און אַז דאַרום מוז זיך דער אַרבייטער אונטערוואַרפען די שווערסטע באַדינגונגען און ארבייטען מיט אונערמידליכע כחות פאַר דעם ביליגסטען לוין, כדי עס זאָל זיך בעצאָהלען דעם אידישען קאָלאָניסט זיי אָנצושטעלען. די אויסגעהאַלטענסטע קעמפּפער פאַר דעם געדאַנק זיינען געוועזען די מיטגלידער פון דעם „הפּועל הצעיר". פּועלי־ציון חברים צוזאַמען מיט פּועל־הצעיר'ניקעס און אַנדערע „אונפּאַרטייאישע" חברים, האָבען געוואוינט ביים קאָלאָניסט אין שטאַל, געפּיבערט, געאַרבייט ווי שקלאַפען, און געהונגערט, לעבענדיג אונטער די פּרימיטיווסטע באַדינגונגען, כדי אָבצוהיטען דעם אידישען כאַראַקטער פון דעם ישוב. דער סאָציאַליסטישער בליק אויף דעם לעבען האָט אָבער שנעל געצוואונגען די פּועלי־ציון זיך פאַנאַנדערצוגעהען מיט די הפּועל הצעיר'ניקעס בנוגע זייער שטעלונג צו אַרבייט און אַרבייטער. גלויבענדיג אין דער אידעע, אַז ארץ ישראל מוז געבויט ווערען מיט אידישע הענד, האָבען פּועלי־ציון אָבער אויך גלייכצייטיג געפאָדערט, אַז דאָס דאַרף ניט געטהון ווערען בלויז אויפ'ן חשבון פון געזונד און מאַרטירערטום פון אַרבייטער קלאַס. אַרבייט דאַרף טאַקע ווערען די רעליגיע פון דער אידישער יוגענד און ארץ ישראל קאָן טאַקע ווערען אַ אידיש לאַנד נור דורך דעם שוויים פון דער אידישער אַרבייט. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז דער אידישער אַרבייטער מוז זיך ערנידריגען צו דעם שקלאַפישען צושטאַנד פון דעם פעלאַך. ניט דורך שקלאַפעריי און ניט דורך קאָנקורענץ מיט די ביליגע אַרבייט פון פעלאַך קען ארץ ישראל געבויט ווערען. אַזוי לאַנג ווי דער אידישער אַרבייטער וועט שלום מאַכען מיט'ן געדאַנק אַז ער דאַרף זיין גרייט צו אַרבייטען אונטער די זעלבע באַדינגונגען ווי דער פעלאַך, וועט קיין אמת'ע „כבוש העבודה" ניט זיין. עס וועט זיך אַלץ בעסער לוינען דעם קאָלאָניסט צו דינגען דעם מעהר אונטערטעניגען אַרביי־

טער. דער אידישער ארבייטער מוז ערווערבען א העבערען טעכניק און דארף קעמפּפען, אויפלעבען דעם אַלגעמיינעם מצב פון דעם ארבייטער קלאַס, סיי דעם אראבישען און סיי דעם אידישען. די פּועלי ציון האָבען דארום אָנגעפאַנגען פאָרמולירען לאָזונגען פון פאַרבעסערען ארבייטס באַדינגונגען דורך קלאַסען־קאַמפּף און דורך שאַפען ארבייטער קאָאָפּעראַטיווען.

אויף דעם געביט פון קלאַסען־קאַמפּף האָבען די פּועלי־ציון אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען אויף א קלאַסען־באַוואוסטזיניגען אופן די אידישע ארבייטער אין די שטעדט, ווי די אייזענבאַהן ארבייטער אין שטיינ׳ס פאבריק, די קעלער ארבייטער אין ראשון לציון, און די דרוקער אין ירושלים. די פּועלי־ציון האָבען אָרגאַניזירט די ערשטע סטרייקס אין לאַנד. דורך אַזעלכע טהעטיגקייטען האָבען זיי געשאַפען די יסודות פון דער איצטיגער פאַרצווייגטער הסתדרות כללית.

די קאָאָפּעראַטיווע טהעטיגקייט האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1908. די פּועלי־ציוניסטישע לאַנד־ארבייטער אָרגאַניזאַציע „החרש" האָט באַשאַפען אין סעדזשערא (אין גליל) דעם ערשטען „קאָלעקטיוו". אין 1909 איז אין חדרה געמאַכט געוואָרען דער ערשטער קאָלאָניסטישער עקספּערימענט. אַן ענליכער עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרען אין דעם זעלבען יאהר אין כנרת, וועלכער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין 1910 אין דעם קאָאָפּעראַטיוו פון דגניה. און ווען אין 12־1910 האָט דער נאַציאָנאַל פאָנד און אַנדערע אינסטיטוטען (ווי גאולה, פּ. ל. ד. ק.) ענדליך אָנגעפאַנגען צו קויפען באָדען, איז דאַן אויסגעוואַקסען א נייע סיטואַציע: די פּרימיטיווע באַדינגונגען זיינען דאַן געווען אַזעלכע, אז מען האָט ניט נור בעדאַרפט אויסשטייניגען דעם באָדען, גראַבען ברונעמער, און בויען הייזער, כדי צו מאַכען דאָס געקויפטע לאַנד באַזעצבאַר, — מען האָט אויך געמוזט פאַרטהיידיגען מיט בלוט דאָס וואָס מען האָט פריהער בעשאַפען מיט הונגער און שווייס.

לויט דעם פּרימיטיווען אראבישען באַגריף פון לאַנד אייגענטהום, האָט דער אייגענטימער, כדי צו באַווייזען אז ער איז ראוי צו באַזיצען באָדען, געמוזט באַווייזען, אז ער איז קיין פייגלינג און איז גרייט צו פאַרטהיידיגען זיך געגען גזילה און גנבה פון וואַנדערענדע בעדואינישע שבטים און שכנים. ארבייטער האָבען זיך באַצויגען מיט פעראַכטונג צו אידען, ווען זיי האָבען באַטראַכט אַלס פּחדנים. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָבען די פּועלי ציון אין סעדזשערא בעשאַפען דעם „השומר", אַרום וועלכען עס האָבען זיך קאָנצענטרירט ארבייטער „כובשים", וועלכע האָבען זיך אונטערנומען צו פאַרבערייטען און פאַרטהיידיגען דעם באָדען פאַר אידישען ישוב. דער „השומר" איז געוואָרען דער סימבאָל פון אידישע געוואַגטהייט; דער בוך „יזכר" ארויסגעגעבען אין 1917 פון דעם אמעריקאַנישען פּועלי־ציון פּאַלעסטינא קאָמיטעט, פאַרצייכענט די ליסטע פון אידישע ארבייטער מאַרטירער, וועלכע זיינען געשטאָרבען פאַרטהיידענדיג אין ארץ ישראל דאָס אידישע האָב און גוטס. די רשימה פאַנגט זיך אָן מיט די ערשטע מאַרטירער: ישראל קאָרנגאָלד, שמעון מלמד, און בערעלע שווייגער, וועלכע זיינען געשטאָרבען על קדוש השם אין 1909 און ענטהאַלט א רייהע פון נעמען וועלכע זיינען פאַרהייליגט געוואָרען אין דער אידישער געשיכטע, צווישען וועלכע עס איז ספּעציעל אינטערעסאַנט צו דערמאָנען פאַר אמעריקאַנישע חברים, דעם נאָמען פון דעם אמעריקאַנער חבר בערל קליי. דער „השומר" האָט מיט זיין מסירת נפש און מאַרטירערטום אויפגעהויבען דעם פּרעסטידזש פון דעם אידישען פאָלק, אין די אויגען פון די אראַבער און האָט זיי איבערצייגט, אז די אידען זיינען געקומען זיך איינוואָרצלען אין לאַנד, אום דאָס קיינע מניעות וועט זיי ניט אָבשטעלען. מיט בלוט פון די חברים פון „השומר" איז דאָס אידישע באָדען אויף דאָס ניי פאַרהייליגט געוואָרען.

דורך אָרגאַניזירען דעם אידישען ארבייטער אויף א קלאַסען־באַוואוסטזיניגען אופן און דורך די ערשטע פאַרזוכען צו בעשאַפען ארבייטער קאָאָפּעראַטיווען און פאַרטהיידיגען דאָס אידישע האָב און גוטס, זיינען אַוועקגעלעגט געוואָרען פון די פּועלי־ציון אין ארץ ישראל די גרונד־יסודות פון דעם איצטיגען ארבייטער בנין. די ערשטע פּועלי ציון קאָנווענשאָנס אין ארץ

ישראל, אָבגעהאַלטען אין יפו אין די יאהרען 1909,1908 און 1910, האָבען אָבער פאַר זיך געהאַט אויך אַנדערע אויפגאַבען. זיי האָבען אויסגעארבייט אויף אַ קלאָרען אופן דאָס אַל־געמיינע פּועלי־ציוניסטישע פּראָגראַם — די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו דעם סאָציאַליסטי־שען אינטערנאַציאָנאַל, טערקישען פּאַרלאַמענט, און ציוניסטען קאָנגרעס. פאַרבינדונגען זיינען געשאַפען געוואָרען מיט די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען אין אָטאָמאַנישען פּאַרלאַמענט און מיט די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די באַלקאַן לענדער. אַן אונאויפהערליכע פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר דעם סאָציאַליסטישען גערדאַנק איז אָנגעפיהרט געוואָרען אין ארץ ישראל דורך דער פּאַרטיי־פּרעסע „דער אָנפאַנג“ וואָס איז ערשינען וועכענטליך אין 1907 און דער „האחדות“ וועלכער האָט אָנגעפאַנגען צו ערשיינען וועכענטליך אין 1910 און איז פאַרגעזעצט געוואָרען ביז די קריגס־אַדמיניסטראַציע האָט די צייטונג אָבגעשטעלט אין 1915. מיט אָפּפערוויליגקייט האָבען זיך די חברים אריינגעוואָרפען אין דער ארבייט צו בעשאַפען נייע קאָאָפּעראַטיווען און אָרגאַניזירען און ענטוויקלען די אידישע ארבייטערשאַפט אין לאַנד.

די ארץ ישראל׳דיגע פּועלי ציון פּאַרטיי האָט נאַטירליך געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין שאַפען דעם אַלוועלטליכען פּועלי־ציון פאַרבאַנד; און ווען דער פּאַלעסטינאַ ארבייטער פאָנד האָט אָנגעפאַנגען פונקציאָנירען אין 1911, זיינען די ארץ ישראל׳דיגע חברים געוואָרען די דורכפיהרענדע אינסטאַנץ פון אַ רייהע פון טהעטיגקייטען. לשכות העבודה זיינען בעשאַפען געוואָרען אין יפו, חיפה און ירושלים. דורך דער איניציאַטיווע און פינאַנציעלען באַטייליגונג פון פּ. א. פ. זיינען לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיווען בעשאַפען געוואָרען אין גליל העליון — אין כפר גלעדי, תל חי, אילת השחר, און מחנים. עטליכע אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַטיווען זיינען בעשאַפען געוואָרען אין יפו, חיפה, ירושלים; די ארבייטען זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען אויף אַזאַ אופן, דאָס פאַר דעם אויסברוך פון דער וועלט מלחמה האָבען די אידישע ארבייטער שוין אָנגעזאַמעלט אַ מאַסע פון ערפאַהרונגען, וועלכע האָבען שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין מעגליך מאַכען דאָס די ארבייטער זאָלען קענען איבערנעמען אין זייערע הענד אַ חשוב׳ן טייל פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט און אָנפיהרען קאָלאָניזאַטאָרישע ארבייט. דאָס איז אַלץ געטהון געוואָרען מיט קליינע מיטלען און מיט ריזיגע אָנשטרענגונג.

די ארץ ישראל׳דיגע פּועלי־ציון פּאַרטיי האָט איבערגעלעבט די שווערסטע צייט אין די קריג׳ס יאהרען. צוזאַמען מיט „אונפּאַרטייאישע“ ארבייטער, און ארבייטער וועלכע האָבען געהערט צום הפּועל הצעיר, האָבען די פּועלי־ציון חברים באַשלאָסען טראָץ די גרויסע שוועריגקייטען, בשום אופן ניט צו פאַרלאָזען די שוין איינגענומענע פּאָזיציעס אין לאַנד. די פּאַרטיי פּרעסע איז אָב־געשטעלט געוואָרען. פּאַרטיי פיהרער זיינען ארעסטירט געוואָרען און אַ סך זיינען ארויסגע־שיקט געוואָרען פון לאַנד; די השומר אָרגאַניזאַציע איז צובראָכען געוואָרען; פיעלע פון די, וואָס זיינען פאַרבליבען, זיינען געמאַטערט געוואָרען אין תפיסות. אַלע האָבען געהונגערט; אָבער חברים האָבען זיך איינגעקלאַמערט מיט די נעגעל אין לאַנד, און האָבען פאָרטגעזעצט זייער טהעטיגקייט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען זיינען ניט נור אַלטע פּאָזיציעס אָבגעהיט געוואָרען, נור עס זיינען נאָך בעשאַפען געוואָרען נייע קאָאָפּעראַטיווען. און ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָבען זיך די מעהרסטע חברים אָנגעשלאָסען אין דעם אידישען לעגיאָן, צו קעמפּפען פאַר די באַפרייאונג פון ארץ ישראל.

מיט דער מאַסען אָנשליסונג אין לעגיאָן האָט זיך פאַרענדיגט די ערשטע עפּאָכע פון פּועלי־ציוניזם אין ארץ ישראל. די נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1919, אונטער די פאָלגענדע אומשטענדען:

אין 1919 איז די אָרגאַניזירטע ארץ ישראל׳דיגע ארבייטערשאַפט געווען פאַנאַנדערגע־טיילט אין דריי גרופּעס: די גרעסטע צאָהל האָט געהערט צו די הסתדרות החקלאים אָרגאַניזאַ־ציעס פון גליל יהודה, און שומרון — אונפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען באַ־שאַפען געוואָרען אין 1911 און זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן סאָציאַליסטישען גערדאַנק, און האָבען בעשאַפען ניט נור לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיווען און וויכטיגע ארבייטער אינ־

סטיטוציעס, ווי דעם קפת חולים (ארבייטער קראנקען קאסע), נור אויך דעם המשביר. דער המשביר איז געווארען אין מלחמה צייטען דער גרויסער קאאפעראטיווער געשעפט, וועלכער האט אנגעפיהרט א קאמפף געגען יקרות אויף לעבענס־מיטלען און האט ממש געראטעוועט פון הונגער דעם גאנצען ארבייטער ישוב. דאס רוב חברים פון הסתדרות החקלאים זיינען געווען „אונפארטייאישע" אבער פיעלע זיינען געשטאנען אונטער דער השפעה פון דעם הפועל הצעיר, וועלכע איז דאן געווען אין צאהל די גרעסטע ארבייטער פארטיי אין לאנד.

דאגעגען די מיטגלידערשאפט פון דער פועלי ציון פארטיי טראץ זייערע אינסטיטוציעס, און וויכטיגע לייסטונגען, איז געווען פארהעלטניסמעסיג קליין. די פועלי ציון פארטיי איז געווארען דער שטורעם צענטער פון די אטאקעס פון דער קריגס־רעגירונג אויף דעם אידישען ארבייטער, און דאס האט נאך מעהר רעדוצירט זייער צאהל. מיט דעם אנקומען פון דעם אמעריקאנישען אידישען לעגיאן אין ארץ ישראל האט זיך אבער פלוצלונג די לאגע געביטען. אמעריקאנישע פועלי־ציון האבען זיך באגעגענט אין גדוד מיט ארץ ישראל'דיגע חברים; גע־שפרעכען זיינען אנגעפיהרט געווארען מיט חברים אין גדוד (לעגיאן), וועלכע האבען געהערט צו די אונפארטייאישע הסתדרות החקלאים און צו הפועל הצעיר — און דער געדאנק איז געבארען געווארען, אז מען זאל באשאפען א פאראייניגטען פראנט פון אלע סאציאליסטישע ציוניסטישע כחות אין לאנד. חברים האבען באגריפען, אז ארץ ישראל שטעהט ערב מאסען־עמיגראציע, און עס מוז באשאפען ווערען א פאראייניגטער סאציאליסטישער כח, וועלכער זאל אויפנעהמען די נייע חלוצים און געפינען פאר זיי א קאנסטרוקטיווען ארט אין דעם אויפבוי פון לאנד, און אויף אזא אופן פארווירקליכען דעם ציוניסטישען סאציאליזם.

נאך דריי חדשים פון פערהאנדלונגען און קאנפערענצען איז דער נאמען פועלי־ציון אב־געשאפט געווארען אין ארץ ישראל, און א נייע קערפערשאפט איז געגרינדעט געווארען, בא־שטעהענדיג פון די פועלי־ציון, הסתדרות החקלאים, און א טייל פון „הפועל הצעיר". דער נאמען פון די נייע קערפערשאפט איז געווארען ציוניסטיש־סאציאליסטישע פעדעראציע פון די ארבייטער פון ארץ ישראל „אחדות העבודה". די אחדות העבודה האט איבערגענומען די אינסטיטוציעס פון די פועלי־ציון און אלע פועלי־ציון פארטיי פארפליכטונגען און איז גע־ווארען א טייל פון דעם וועלט־פארבאנד פוע"צ.

אין 1919-20 האט די פועלי־ציון פארטיי „אחדות העבודה" זיך ארויסגעשטעלט געוויסע ארגאניזאטארישע ענדצילען. זי האט געזוכט ניט נור צו פאראייניגען אלע ארבייטער פון ארץ ישראל אין איין סאציאליסטיש־ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלכע זאל אנפיהרען אלע נויטיגע עקאנאמישע, קולטורעלע און פאליטישע ארבייטען, נור זי האט אויך געזוכט אויס־צואווירקען דאס אן עהנליכע פאראייניגונג פון ציוניסטיש־סאציאליסטישע כחות זאל פארקומען אויף דער גאנצער וועלט.

כדי דורכצופיהרען די פאראייניגונגס ארבייט אין ארץ ישראל, האבען די פועלי־ציון באשלאסען אויפצוגעבען זייער פארטיי־נאמען און אפילו ניט אנרופען די אחדות העבודה מיט'ן נאמען פארטיי. דער פארזוך אבצושאפען אלע ארבייטער פארטייען אין ארץ ישראל איז אבער ניט געלונגען. א גרויסער סאציאליסטישער ארבייטער פראנט איז טאקע בעשאפען געווארען, אבער דער הפועל הצעיר האט ענטזאגט זיך אויפצולייזען און האט אנגעהאלטען א באזונדערע פארטיי טאקטיק און שפעטער איז בעשאפען געווארען א לינקע פועלי־ציוניסטישע באוועגונג און נאך א פאר קלענערע גרופען, וועלכע האבען זיך ניט געוואלט אנשליסען אין דער אחדות העבודה. נאך א לאנגען משא ומתן איז ענדליך אין חיפה באשאפען געווארען א הסתדרות העובדים הכללית, וועלכע האט אין זיך אריינגענומען אלע ארגאניזירטע אידישע ארבייטער, און די אחדות העבודה איז אין 1923 אפיציעל געצוואונגען געווארען צו ווערען א פארטיי.

עס איז אויך בלויז טהיילוויז געלונגען דער אחדות העבודה צו ברײנגען א פֿאראייניגונג פֿון סאָציאַליסטיש-ציוניסטישע כחות אין די גלות לענדער. אונטער דעם דרוק פֿון דער אחדות העבודה איז אין 1923 בעשאַפֿען געוואָרען א קאָמיטעט פֿאַר דאָס ארבייטענדע ארץ ישראל, וועלכער האָט אריינגענומען אַלע סאָציאַליסטיש-ציוניסטישע פֿראַקציעס; און אין 1925 האָבען זיך די לינקע צעירי ציון און דער דרור פֿאַראייניגט מיט די פועלי ציון. אָבער דער פֿאַראייניגטער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער פֿראָנט איז נאָך ווייט פֿון צו זיין פֿאָלקאָמען. חשוב'ע טהיילען פֿון דעם ציוניסטישען סאָציאַליזם, צוליעב א גאַנצע רייהע פֿון טעמים, זיינען נאָך ניט פֿאַראייניגט.

אויב אָבער דער פֿאַרזוך צו באַשאַפֿען א פֿאַראייניגטען ארבייטער פֿראָנט, כדי צו פֿאַרווירקליכען דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם, איז נאָך ניט געלונגען, איז עס אָבער יאָ געלונגען דער אחדות העבודה אין די לעצטע 5 יאהר דורכצופֿיהרען א רייהע פֿון פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע ארבייטען, וועלכע האָבען אומגעביטען דעם גאַנצען כאַראַקטער פֿון דער קאָלאָניזאַציאָנס ארבייט אין ארץ ישראל, און האָבען געגעבען א מעכטיגען שטויס פֿאָרווערטס דער פֿאַרווירקליכונג פֿון סאָציאַליזם אין ארץ ישראל.

אויף דער גרינדונגס פֿערזאַמלונג פֿון אחדות העבודה אין פתח תקוה איז עס קלאָהר פֿאַרשטאַנען געוואָרען פֿון די חברים, אַז א סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין ארץ ישראל מוז אויך ווערען א קאָלאָניזאַציאָנס פּאַרטיי. זי קען זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט פּאָליטישע ארבייט און מיט פֿאַרבעסערען די לעבענס-באַדינגונגען פֿון די ארבייטער דורך קלאַסען קאַמפֿ. ארץ ישראל איז אַן אימיגראַציאָנס לאַנד און אַן ארבייטער פּאַרטיי מוז זיין פֿאַרבערייטעט צו שאַפֿען פֿאַר די ניי איינוואַנדערענדע ארבייטער ארבייטס מעגליכקייטען און נויטיגע פֿאַך-קענטניס. די אחדות העבודה מוז האָבען א סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציאָנס פּאָליטיק און מוז שאַפֿען א זעלבסטשטענדיגע ארבייטער ווירטשאַפֿט. ערפֿאַהרונג האָט באַוויזען אַז אין ענינים פֿון קאָלאָניזאַציע קען מען זיך ניט פֿאַרלאָזען אויף פּריוואַט קאַפּיטאַל, ווייל פּריוואַט קאַפּיטאַל איז פֿאַראינטערעסירט בלויז אין רוחים און דערפֿאַר דינגט ער ביליגע אַראַבישע ארבייט און איז ניט גרייט אויסצוגעבען די נויטיגע הוצאות אויסצובילדען א אידישען ארבייטער, און זוכט ניט צו שאַפֿען אימיגראַציאָנס-מעגליכקייטען פֿאַר נייע אידישע ארבייטער. פּריוואַט קאַפּיטאַל, טראָץ אַלע שעהנע ציוניסטישע דרשות, איז בעצם פֿאַראינטערעסירט אין עקספּלואַטירען דעם שוין עקזיסטירענדען ביליגען ארבייט מאַרק און וואָס אַנבעלאַנגט דעם אויפֿבוי פֿון ארץ ישראל, איז אַנטינאַציאָנאַל. וויל מען אַלזאָ, אַז עס זאָל ווערען איינוואַנדערונג אין ארץ ישראל, און וויל מען אַז עס זאָל באַשאַפֿען ווערען ארבייט פֿאַר ארבייטער, מוז די ארץ ישראל'דיגע ארבייטערשאַפֿט נעהמען די ענינים פֿון קאָלאָניזאַציאָן אין איהרע אייגענע הענט.

אַט די סיטואַציע האָט געפֿיהרט צו דעם, אַז אויף דער גרינדונגס פֿערזאַמלונג פֿון אחדות העבודה (1919) זאָל פֿאָרמולירט ווערען דער פּלאַן צו שאַפֿען אַן ארבייטער באַנק; און אַז די אחדות העבודה זאָל אויסאיבען איהר איינפֿלוס אויף דער ספּעציעלער אַלוועלטליכער פּועלי-ציון קאָמיסיע (וועלכע איז געווען אין ארץ ישראל אין 1920) אויסצואַרבייטען אַלע איהרע פֿאָרשלעגע פֿון קאָלאָניזאַציע אויף דעם יסוד פֿון ארבייטער קאָאָפּעראַטיווען. די זעלבע אויפֿפֿאַסונג פֿון קאָלאָניזאַציע האָט געפֿיהרט צו דעם, אַז ווען דער נאַציאָנאַל פֿאָנד האָט געקויפֿט באָדען אין ארץ ישראל אין 1921, האָט די אחדות העבודה דאָרטען באַשאַפֿען די פֿיעל פֿאַרצווייגטע גרויסווירטשאַפֿט פֿון גדוד העבודה אויף דעם יסוד פֿון קאָמונע-לעבען. דער זעלבער שטאַנדפּונקט האָט געפֿיהרט צו דער באַשאַפֿונג פֿון סולל בונה מיט דער גרויסער צאָהל פֿון קאָאָפּעראַטיווען און צו דער אויסברייטונג פֿון דער טהעטיגקייט פֿון המשביר אויף אַזאַ אופֿן, אַז עס זאָל ניט נור מאַכען ביליגער דעם פּרייז פֿון לעבענסמיטלען, נור אויך פֿאַרבינדען די ארבייטער פּראָדוקציע מיט'ן קאָנסום.

פון דעם ערשטען גרינדונגס טאג איז די אחדות העבודה געווארען די דאמינירענדע פארטיי אין דער ארבייטערשאפט. די נייע ארבייטער אימיגראנטען האבען זיך אנגעשלאסען אין איהרע רייהען אין די טויזענטער; און ביי דעם איצטיגען מאמענט (1925) בילדעט די אחדות העבודה כמעט 70% פון דער הסתדרות הכללית. די אחדות העבודה, אלע די פיהרענדע ארבייטער קערפערשאפט, האט ארויסגעצייגט אקטיוויטעט אויף פיעלע געביטען: זי האט ארגאניזירט די פראפעסיאנאלע פאכען אין שטאדט און דארף; געפיהרט דעם קאמפף געגען עקספלואטאציע אין די פריוואטע ווירטשאפטען און בעשיצט די ארבייטער געגען דער בורזשואזי; געקעמפפט געגען אונטערדריקונגען פון דער רעגירונג און פון בעל הבית׳ישע קרייזען; געשטאנען אויף דער וואך אין מלוכה אינסטאנצען און מוניציפאלע פערוואלטונג; ארייינגעגעבען א תוכן אין ועד הלאומי כדי צו פארטהיידיגען דאס רעכט פון דער אידישער מינדערהייט; געזוכט אויסצובעסערען דעם געזונדס צושטאנד פון ארבייטער און פעסטשטעלען א מינימאלען לוין און מאקסימאלע ארבייטס־שטונדען;; זיך ספעציעל פאראינטערעסירט אין פארבעסערען די ארבייטס באדינגונגען פון דער ארבייטענדער פרוי, און פון יוגענדליכע ארבייטער; געזוכט אויפצוהויבען דעם קולטורעלען מצב פון דעם ארבייטער; איינגעפיהרט א סאציאליסטישע החלוץ טהעטיגקייט; געזארגט פאר איינוואנדערונגס באדינגונגען און פאר טעכנישער בילדונג פון אימיגראנטען; איינגעארדענט ווירטשאפטליכע קבוצות און גדודי העבודה; אן אקטיווען אנטייל גענומען אין שטאדט פערוואלטונג; געשאפען פארבינדונגען מיט אראבישע ארבייטער און געזוכט זיי צו ארגאניזירען אויף דעם יסוד פון קלאסען־קאמפף; געשאפען פארבינדונגען מיט די ארבייטערשאפט פון אייראפא און אמעריקא און מיט די אלוועלטליכע קאאפעראטיווע און סאציאליסטישע באוועגונגען. א זעלבסטשטענדיגע סאציאליסטישע פאליטיק בנוגע באציהונגען צו דער רעגירונג, צו די אראבער, און צו דער אינערליכער פערוואלטונג אין לאנד, צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן, און צו דער אויסערליכער וועלט, איז אויסגעארבייט געווארען; דער אנפאנג פון א סאציאליסטישע קולטור און פון אן ערציהונגס סיסטעם פון דעם ארבייטער שטאנדפונקט איז געשאפען געווארען. אן אייגענארטיגע פארצווייגטע סאציאליסטישע קאלאניזאציאנס־טהעטיגקייט, וועלכע זוכט צו בעשאפען ארבייטס מעגליכקייטען פאר דעם ארבייטער אימיגראנט, עפענט אויף נייע קאלאניזאציאנס פונקטען און זארגט פאר דער אויפהויבונג פון דעם מצב פון דעם אידישען ארבייטער, איז עטאבלירט געווארען. די טרוקענע ציפערען, וועלכע ווערען אנגעגעבען אין דעם ארטיקעל, „ארבייטער סטאטיסטיק אין ארץ ישראל“, וועלען העלפען דעם לעזער פון דיזען זאמעלבוך, שאפען פאר זיך אן אלגעמיינעם באגריף פון די פיעלפאכע טהעטיגקייטען פון דער אחדות העבודה.

דער ענדציעל פון די אלע אויסגערעכענטע ארבייטען איז, דאס די אידישע ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל זאל זיך אויסלערנען זעלבסטשטענדיג אנצופיהרען די גאנצע ווירטשאפט פון ארץ ישראל און רעאליזירען דעם סאציאליסטישען ציוניזם. די שוין אויפגעטאנענע ארבייט, וועלכע איז בעשאפען געווארען מיט אונגעהויערע קרבנות און מיט ווייטזעהענדיגער געוואגטקייט, זיינען די ערשטע שריט אין דער ריכטונג. די 1,300 חברים, וואס זיינען ארגאניזירט בלויז אין די קאאפעראטיווען, וועלכע קאנצענטרירען זיך ארום עין חרוד און תל־יוסף, זיינען די אנזאגער פון די בשורות פון דעם נייעם לעבען, וועלכער פאנגט אן טאגען אין ארץ ישראל.

צוואַנציג יאָר

פון דוד פינסקי

צוואנציג יאר פועלי ציוניזם: ארבייטער-ציוניזם, סאציאליסטישער ציוניזם.

די אומקערונג פון די אידן אין ארץ ישראל צו ארבייט בכלל, צו ערד ארבייט בפרט, די אויפבויאונג פון פאָלק און לאנד אויף דעם פונדאמענט פון ארבייט. און נאך מער: אויף דעם יסוד פון א סאציאליסטיש־ארגאניזירטער ארבייט.

דאס איז דאס ציל, וואס דער ארבייטער־ציוניזם האט זיך געשטעלט, דאס איז דער פועלי־ציוניזם.

און דערצו סאציאליסטישע און קולטורעלע ארבייט אומעדום, וואו אידישע ארבייטער געפינען זיך.

די פועלי ציון פארגעסן ערגעץ נישט, אז זיי זיינען סאציאליסטן. זיי זיינען צו גע־פינען אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג פון יעדעם לאנד, אלס איינצעלנע און אלס פאר־טיי. אין רוסלאנד זיינען זיי געוועזן די ערשטע פון די אידישע סאציאליסטישע פארטייען צו אנערקענען די באלשעוויסטישע רעוואלוציע. אין אמעריקא איז די פארטיי פועלי ציון די טרייעסטע אנהייגערין פון דער באוועגונג פאר א גרויסער „לייבאר פארטיי“. אין ארץ ישראל זיינען זיי די הויפט־קראפט פון דער „הסתדרות“, פון דער אלגעמיינער ארבייטער־ארגאניזאציע. און זיי האבן די אנערקענונג פון דעם צווייטן סאציאליסטישן אינטערנאציא־נאל אלס די אידישע סאציאליסטישע פארטיי.

און זיי פארגעסן ערגעץ נישט, אז זיי זיינען אידן. אין אלע קעמפפע פאר אידישע רעכט נעמען זיי אנטייל אין די ערשטע שורות. זיי זיינען די פארקעמפפער פון אידישער קולטור. דער אויפטו פון די אידישע פאלקס שולן דא אין אמעריקא איז זייער אויפטו.

אבער זייער גרויסע דערגרייכונג איז די וואונדערבארע ארבייט פון די חלוצים אין ארץ ישראל. די ארבייט, וועלכע ווערט אזוי באוואונדערט פון פריינד און פיינד, אפילו פון אלטע איינגעגעסענע פיינד. די הערליך־וואונדערבארע ארבייט, וועלכע איז די בעסטע גאראנטיע, אז דאס ציל, וואס דער ארבייטער־ציוניזם האט זיך געשטעלט, וועט דערגרייכט ווערן.

דאס זיינען געוועזן די פועלי ציון, וועלכע האבן מיט זייער פראפאגאנדע אנגעוויזן דעם וועג אויף וועלכן אידישע ארבייטער דארפן געהן, און דאס זיינען געוועזן די פועלי ציון, וועלען האבן מיט זייער טהעטיגקייט געשטארקט די הענד פון די ארבייטער אין ארץ ישראל. מיט זייער פרוכטבארער טעטיגקייט פאר דער פאלעסטינא ארבייטער פאנד, פאר דעם געצייג־קאמפיין, פאר דעם פאנד פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטן אין ניו יארק. זייער אומאויפהערליכע, אונערמידליכע, אפפערווילינגע טעטיגקייט אונטער אלערליי שטערעניסן און באַרעמפונגן פון שלעכטע סאציאליסטן און נאך שלעכטערע אידן — אדער, פילייכט, פון שלעכטע אידן און נאך שלעכטערע סאציאליסטן . . .

צוואנציג יאר פועלי ציוניזם — זיי זיינען נישט אומזיסט אוועק. זיי זיינען געוועזן יארן פון טאן און אויפטאן. יארן פון פלייסיגן זייען און גוטן שניט, יארן פון שווערן קאמף און פון א סך איינגענומענע פאזיציעס, פון וועלכע עס זעט זיך שוין די הערליכקייט פון דער אויפגעהענדיגער זון פון דעם קומענדיגן זיג.

צוואנציג יאר פועלי ציוניזם — מיר קאנען קוקן מיט שטאָלץ אויף זיי. מיר מעגן זיך גרויסן מיט זיי. זיי דארפן אונז זיין א קוואל פון ווייטערער אומענדליכער ענערגיע: אונזער ארבייט זאל נישט פארמינדערט ווערן, אונזער אומדערמידליכקייט זאל נישט אפלאזן.

עפענט ווייט פאנאנדער די ביכער פון אונזער צוואנציג יאר טעטיגקייט — און מאכט פלאץ פאר נייע אנקומער, פאר נייע מיטקעמפפער אין אונזערע רייען!

צוואַנציג יאָר פּועלי ציון פּרעסע אין אמעריקא

פון י. ענטין

—::—

אין א ניט־בארעכענטער מינוט האָב איך פאַרשפּראָכען חבר פיינמאַן אָנצושרייבען אן איבערבליק איבער דער פּועלי ציוניסטישער פּרעסע פון אמעריקע. איך האָב ניט בארעכענט וואָס עס הייסט דורכנישטערען די אלטע שמות פון א פּרעסע, וואָס ציהט זיך, מיט בלויז קליינע איבעררייסען, פון 1906 ביז 1926. איך האָב ניט בארעכענט די אומגינסטיגע באַדינגונגען פאַר אַזאַ ארבעט אין אונזערע קרייזען, וואו ארכיוועז ווערען אזוי שלעכט געהאַלטען און פיל פון דעם וואָס ווערט געשריבען פאַר׳ן טאָג און אפילו פאַר דער וואָך ווערט אזוי אַפט שפּורלאָז פאַרלאָרען.

גוט נאָך וואָס דאָס פּלאַץ פאַר׳ן איצטיגען איבערבליק איז קליין און די שריפט וואָס ערשיינט, טראָגט ניט קיין שטרענגען אקאַדעמישען כאַראקטער. גיט דאָס מיר א געוויסע אינדולגענציע ניט אפּצושטעלען זיך אויף די אַזוי־צו־זאָגען ביי־פּראָדוקטען פון דער אמעריקאַנער פּועלי ציוניסטישער פּרעסע, ווי דאָס בלעטעל וואָס איז ערשיענען פאַר׳ן „אידישען קעמפּער“ פון 1906, די פאַרשידענע בולעטינען און „קעמפּער שטימען“ אין די בין הזמנים׳ס צווישען איין פּעריאָדישער שריפט פון אונזער פּאַרטיי און דער צווייטער, דעם “אידישען קאָנגרעס” פון 1917 און די פּאַר זשורנאַל־נומערן אויף ענגליש. אגב, די ערשטע פון די דאָזיגע שריפטען ווערט דערמאָנט פון חבר מאיר בראון אין זיינע זכרונות אין דער איצטיגער אויסגאַבע, די פאַרשידענע בולעטינען האָבען פּאַקטיש, אחוץ דאָס ריין אינפאָרמאַטיווע אין דעם באַטרעפענדען מאָמענט, קיין מאָל ניט אנטהאַלטען עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זיי אפּטיילען פון די שטענדיגע אויסגאַבען; ענדליך קען מען זאָגען אויף׳ן „אידישען קאָנגרעס“, דאָס ווערענדיג געפיהרט פון פּאַרטיי־חברים, אדער אזעלכע, וואָס זיינען געשטאַנען גאַנץ נאָהענט צו דער פּאַרטיי (דר. סירקין, ב. באַראַכאָוו, קרעטשמאַר יזרעאלי, פּנחס רוטענבערג, א. ז. וו.), איז ער געווען בלויז אנאַנדער אויפלאַגע פון „איד. קעמפּער“, מיט דער אויסנאַהם וואָס ער האָט זיך נאָר ספּעציאַליזירט אויף דער קאָנגרעס־באַוועגונג. די ענגלישע אויסגאַבען (אין 1918), זיינען געווען אי ווייניג אין צאָהל, אי זיי האָבען אויף זיך ניט געטראָגען קיין אָפּפיציעלען פּאַרטיי־שטעמפּעל.

ניט קיין פולע ביבליאָגראַפּיע און ניט קיין אויספירליכע באַטראַכטונג קען איך דאָ געבען. איך וועל נאָר סקיצירען דעם גאַנג פון דער היגער פּועלי ציוניסטישער פּרעסע, אָנווייזען אויף איהרע וויכטיגסטע מאָמענטען, די הויפּט אינטערעסען איהרע און איהר אַלגעמיינער אויפטו.

א

די וויכטיגסטע פּועלי ציוניסטישע פּעריאָדישע שריפט אין אמעריקע איז געווען “דער אידישער קעמפּער”, וואָס האָט אָנגעהויבען ארויסגעהן דעם 30־טען מערץ, 1906, און איז, מיט א פּאָר באַדייטענדע איבעררייסונגען, אפּגעגאַנגען ביז סוף יולי, 1920. איך בין ניט גענוי באַקאַנט מיט די אוממיטעלבאַרע סבות, וואָס האָבען די צייטונג אין לעבען ארויסגערופען. איך שטעל זיך אָבער די זאַך פאָר אומגעפעהר אזוי.

אין רוסלאַנד האָבען שוין זייט יאָהרען געהאַט עקזיסטירט סאַי א פּועלי ציוניסטישע און סאַי אַן ס. ס.׳אָווּשע פּאַרטיי, האָט די אימיגראַציאָנס כוואַליע אַהער פאַרטראָגען איינצעלנע מיטגליעדער פוןביידע פּאַרטייען. דערצו האָט דער קעשענעווער פּאָגראָם פון 1903, ארויסגערופען אין די היגע אידישע סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע קרייזען א רעוואָלט

קעגען דעם אינטערנאציאָנאַליזם און אַ געוויסע אנטווישונג אין׳ם „בונד“, וואס האָט ניט פארהיט די שרעקליכע הריגה. דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט ביי דער היגער אידישער אינטעליגענץ, ווי אין די הערצער פון די מאַסען אויפגעוועקט שטאַרקע אידישע נאציאנאליסטישע ביינקונגען, ווי מען קען דאס אויך זעהן אין זעם „פאָרווערטס“ און אין דער „פרייער ארבייטער שטימע“ אין יענע טעג.

און אז די פּריש־אריבערגעקומענע פּועלי ציון האָבען זיך צונויפגעשמאָלצען מיט די פון דאָס־ניי צעוואָרימטע אין אמעריקא, איז דערפון געבוירען געוואָרען די אמעריקאנישע פּועלי ציוניסטישע באוועגונג.*) און אָנקלייבענדיג זיך מיט כחות און ווערענדיג קריסטאַליזירט אין א פּאַרטיי, האָט זי סוף ווינטער 1906, אָנגעהויבען ארויסגעבען דאָס גרויסע וואכענבלאַט „דער אידישער קעמפער“. דער רעדאקטאָר איז געווען קלמן מרמר, ווען די פּאַרטיי האָט צו דעם צוועק אראָבגעבראכט פון לאָנדאָן, אַן אלטער מיטעל פּונקט פון סאציאליסטישע און אנארכיסטישע אידישע רעדאקטאָרען. די צייטונג האָט אָנגעהויבען ארויסגעהן אין פּילאַדעלפיא, דאס וויגעלע פון ארגאניזירטען אמעריקאנישען פּועלי ציוניזם. דער ערשטער נומער איז ארויס פריטאג, דעם 30־טען מערץ, 1906. איבעריג זיך אפּצושטעלען אויף דער פּראָגראם. עס איז דער פּועלי ציוניזם, ווי מיר קענען איהם איצט, דער פּועלי ציוניסטישער שטראָם ווי ער ציט זיך מיט לייכטע אָפּווייכונגען און צוריקקערען די גאנצע צוואנציג יאָהר. איבעריגענס ווערט די פּראָגראם שארף פארמולירט אין דעם לייט־ארטיקעל אויף דער פערטער זייט, וואו דער הערשענדיגער טאָן איז ווי אין אט דעם קורצען עפּיגראם: „דער אידישער קעמפער איז א ציוניסט - סאָציאליסט“.

נאָר פּראָגראמען זיינען נאָך ווייט ניט אַלץ. די אטמאָספערע וואָס שוועבט ארום א פּאַרטיי, די טיפע צארטע וואָרצעלעך וואָס זי שלאָגט ארום זיך, זיי שפּילען אמאָל א גרעסערע ראָליע איידער די אם בולט׳סטען אויסגעדלאָטעוועטע פאָרמולירונגען.

דער „אידישער קעמפער“ איז גלייך פון אָנהויב געווען פיעל מעהר ווי א בלויז פּועל ציוניסטישער אָרגאן. ער האָט תיכף געשאפען ארום זיך א נייע קולטור־אטמאָספערע, א נייע באציאונג צו אונזערע קולטור־אוצרות, און אויך אפילו ניט געקוקט אויפ׳ן לייכטען העבראאיזם וואָס האָט פון אָנהויב אָן כאראקטעריזירט דעם היגען פּועל ציוניזם, צו דער אידישער שפּראך. דער „אידישער קעמפער“ האָט פון זיין ערשטען נומער אָן פארשפּרייט ארום זיך אן אראָמאט פון ערענסטער עלעגאנץ, פון ליטעראַרישקייט. שוין פון ערשטען נומער האָט מען געקענט זעהען, אז מען האָט פאר זיך א בלאט וואָס איז העכער און פיינער פון אלע אנדערע אידיש־אמעריקאנישע בלעטער. שוין די ערשטע נומערען האָבען געוויזען, אז די שאפענדיגע אידישע אינטעליגענץ טוליעט זיך צו דער וואָכענשריפט ווי צו א פריינדליכען ווינקעל, אפילו ווען דער פּועל ציוניסטישער אידעאל איז נאָך ניט איהר אייגענס, אז ניט בלויז דערפאר זינגען דאָ די פּאָעטען און זאָגען די פּראָזא־קינסטלער, ווייל ס׳איז ניטאָ ערגעץ־אנדערש וואו זיך אהינצוטאָן, ווי עס איז אָפט געווען זייער באציאונג צו דער אנארכיסטישער „פרייער ארבעטער שטימע“, נאָר טאקע דערפאר וואָס צווישען זיי און דער שריפט איז אויסגעשפּונען א בריק פון היימישקייט און ווארימקייט.

---

*) די ראָליע פון די פּריש איבערגענומענע פּוע״צ אין דעם ערשטען יאהרגאנג פון „קעמפער“ איז פאקטיש געווען אַן אומבאַדייטענדע. דאַגעגען, די אַמעריקאַנישע פּאַרטיי האָט באַקעמפּפט די „וויסענשאַפטליכע“ דאָגמען פון די רוסישע חברים. די אָרגאַניזאַציע פון „סטראַטעגישע באַזיס“, „סטיכישער עמיגראציאָנס פּראָצעס, וועלכער מוז פיהרען צו א קאָנצענטראציע פון עמיגראציע קיין פּאַלעסטינאַ“ א. ז. וו. איז געווען ניט אננעהמבאר פאר די אַמעריקאַנישע חברים. ערשט ביי דעם צווייטען קאָנוועשאָן אין באָסטאָן האָט זיך געבילדעט אַ קליינע ס. ד. גרופּע פון רוסישע חברים, וועלכע האָט ניט לאַנג אָנגעהאלטען. דער „אידישער קעמפער“ מיט זיינע מעלות און חסרונות איז אַלזאָ געווען אַן אייגענארטיגער „אמעריקאנישער“ פּראָדוקט. — (רעד).

לאמיך טאקע, אלסביישפיל פון אויבענגעזאגטען, דא אויסרעכענען דעם אינהאלט פון דעם ערשטען נומער „איד. קעמפער".

אויף דער ערשטער זייט: אן ארטיקעלע וועגען „אלגעמיינע שטימרעכט אין עסטרייך און דער קאמף פון די פועלי ציון". נאך אן ארטיקעלע: „די נאציאנאלע פראגע", וועגען דעם דאמאלסדיגען צוזאמענפאהר פון דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאלער ביורא, וואו עס ווערט שוין געפאדערט די צולאזונג פון די פועלי ציון אין דעם סאציאליסטישען אינטערנא־ציאנאל; אן ארטיקעלע „ארבעטער פאליטיק" וועגען זעלבסטשטענדיגער ארבעטער־פאליטיק ביי דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר און, שוין דאמאלס, אן ארטיקעלע וועגען אידישער אימיגראציע קיין פאלעסטינא און א דארטיגע קאלאניזאציע אויף סאציאליסטישע יסודות.

זייט צוויי: די פראגראם פון דער פארטיי פועלי ציון, דער ערשטער פון א רייע ארטיק־לען פון א. ש. וואלדשטיין איבער דער טעריטאריעלער פראגע (א בליק אין אנטוויקלונג פון ציוניזם) און דער ערשטער פון א רייע בריוו פון ארץ ישראל, פון משה סמיליאנסקי.

אויף זייט דריי באגעגענען מיר דריי נעמען וועלכע קומען אהער, דאכט זיך, ווי פון אנאנדער וועלט. די דריי זיינען: דער אין שוים פון דער סאציאליסטישער פרעסע אויסגעהאדעוועטער דיכטער ה. רויזענבלאט, דער מייסטענס אין דער „פרייער ארבעטער שטימע" זיך דרוקענדער סקיצען־שרייבער מ. שמואלזאהן און דער ניט־לאנג אריבערגעקומענער, אין דער "פרייער אר־בייטער שטימע", און דאכט זיך אין דעם ס. ל. פ'אישען „ארבעטער" פון צייט צו צייט זיך ווייזענדער א. וואהלינער־לאנדוי. דער ערשטער זינגט א לאנג ליד "ר' מענדעלי" (לכבוד דעם דאמאלסדיגען 70 יאהריגען יובילעאום פון מענדעלי מוכר ספרים, דער צווייטער הויבט אן א לאנגע ערצעהלונג מיט'ן נאמען „בעט נומער 6", און דער דריטער גיט דעם ערשטען פון זיין לאנגער רייע סאטיריש־שניידענדיגע פעליטאנען „שטיקלאך און ברעקלאך", וועלכע האבען געמאכט א רושם און וועלכע זיינען, פונקט ווי ה. רויזענבלאט'ס לידער, זייט דאמאלס א גאנץ קענטיגער בייטראג אין כמעט אלע פועל ציוניסטישע פעריאדישע שריפטען.

אויף דער פערטער זייט איז פאראן א חוץ דעם שוין דערמאנטען לייט־ארטיקעל, א ליד „חלום פריינד", פון דעם דאמאלס שוין בארימטען יהואש, א פעליטאן נאך י. ל. פרץ (אויס דעם העברעאישען) און אן אפהאנדלונג "דער סאציאליסטישער פועל ציוניזם" פון דר. פאס־מאניק, וואו ער שטעלט אויף די צוויי טעזיסען (1) אין גלות קען די אידישע מאסע נארמאל זיך ניט פראלעטאריזירען און (2) קיין פול אנטוויקעלטע נאציאנאל אידישע קולטור אין גלות.

זייט פינף טראגט די איבערשריפט „ליטעראטור און קונסט" און מיר באגעגענען דא, ניט אהן איבערראשונג, דעם באוואוסטען אנארכיסט־עסטעט מ. ליאנטיעף (ל. ס. מאיסעיעוו) מיט דעם ערשטען פון א רייע אפהאנדלונגען איבער לודוויג יאקובאווסקי'ס „ווערטער דער יודע" (שפעטער קומט פון איהם א רייע אפהאנדלונגען איבער יעקב וואסערמאן'ס שבתי צבי ראמאן „די אידען פון צירנדארף" און, דאכט זיך, אויך עפעס אנדערש). מיר באגעגע־נען דא אויך דעם ערשטען פון א רייע „בריוו פון אידישען טעאטער", פון דעם ביז אהער כמעט אויסשליסליך אין ס. ל. פ. צייטונגען מיטארבעטענדען ח. אלעקסאנדראוו.

זייט זעקס ווערט אויסגעפילט מיט אן איבערזעצטער סקיצע פון ברענער'ן, באגריסונ־גען, באריכטען און רעקלאמען.

איך האב גענוי אויסגערעכענט דעם אינהאלט פון ערשטען נומער „איד. קעמפער", ווייל ער איז כאראקטעריסטיש פאר דער גאנצער ערשטער פעריאדע פון אט דער שריפט, ד. ה. ביז'ן מיטען יולי 1907, ווען קלמן מרמר ווערט אויס רעדאקטאר.

אין יענער צייט פעהלט אין „קעמפער" אט די שארפע ליניע וואס טהיילט היינט אפ א פועלי ציוניסטישע פון אן אלגעמיין ציוניסטישער שריפט. פונקט ווי אין ערשטען נומער

ארבייט מיט הר. פאסמאניק, אזוי געפינען מיר אין שפעטערדיגע נומערן בייטראגען פון משה קליינמאן, משה פראסטיג, א. פ. זיידמאן און דעם, אמת, תמיד זיך בונטעווענדיגען, אָבער דאָך אויך ניט פועלי ציוניסטישען ציוניסט דר. וואָרטסמאן.

דער דאמאלסדיגער „קעמפער" איז אויף דער אמת'ן א גייסטפריינדליכע פלאט־פארמע פאר א גרויסער צאָל אידישע ליטעראטור אויך קולטור שאפער און כמעט אלע ריכ־טונגען, כמעט די גאנצע נייע אידישע ליטעראטור און זשורנאליסטיק געפינט, קען מען זאגען, דאָ, ווי אויך אין די שפעטערדיגע פעריאָדעס פון „קעמפער", אן עיר מקלט.

אחוץ די שוין פריער דערמאָנטע און אחוץ דר. ה. זאָלאָטאראָוו'ן, באגעגענען מיר דאָ, וועלכער קומט אין גיכען אריין מיט אנארכיסטיש־סאציאליסטישע און האלב פועלי ציוניס־טישע אָפּהאנדלונגען, באגעגענען מיר דאָ ד. אבערסאָנען מיט זיינע פעליטאָנען און ארטיק־לען, בעל מחשבות'ן, מיט זיינע ארטיקלען איבער דוד פינסקי, יעקב גארדין, א. א. וו. י. ענטינ'ען מיט א לאנגער רייע טעאטער דעצענזיעס (פון 26 נומער אָן) און מיט א ליינגע־רער פאלעמיקע מיט בעל מחשבות'ן וועגען יעקב גארדין; סקיצען און ארטיקלען פון י. ד. בערקאָוויטש, א לאנגען רייע געזעלשאפטליך־ליטעראַרישע קאָרעספאָנדענצען פון ש. גארעליק, סקיצען און לידער פון ל. שאפירא, אבהאנדלונגען (איבער אחד העם) און פעלי־טאנען פון הר. א. גינצבורג, יעקב שטיינבערג, ל. לאקסאן, א. זעלדין, מ. ציפין, יוסף טונקעל, י. אדלער, י. י. שווארץ, מאני לייב און אנדערע.

צום גרויסען טהייל אטעמט דער „איד. קעמפער" פון אונזער צייט מיט אויסלאנד, ריכטיגער גערעדט מיט דער אייראָפּעאישער אידישער סטודענטשאפט א גרויסע צאָל סקי־צען, אפּהאנדלונגען און לידער איז דאטירט פון בערן. אן אפטער מיטארבעטער אויף פער־שידענע געביטען, פון דעם דאָזיגען אייראָפּעאישען קרייז, איז בר־טוביה. א צווייטער, וואָס דאס קלינגט היינט מערקווירדיג, איז דוד איינהארן, ווי עס שיינט האט דער היינט באַ־וואוסטער, צומייסט בונדיסטישער דיכטער, טאקע אין „קעמפער" זיך צוערשט באוויזען.

יעדענפאל, זיין ערשטלינג אין עלפטען נומער "קעמפער" א בביונ'דיג נעבעלהאפטע און שטימונגספולע שילדערונג פון א וואנדערשאפט אין מדבר־זאמד, געדיינק איך, האט נאָך דאמאלס אויף מיר איבערגעלאזט א שטארקען רושם.

א קענטיגער שטריך פון דאמאלסדיגען „קעמפער", וועלכער ווערט אויך אריבערגע־טראגען אין די וויי‌טערדיגע פעריאדעס, איז דער קאמף מיט'ן געגאַסיזם, מיט'ן בונד פון אויס־לאנד, און מיט'ן „פאָרווערטס" און זיינע נושאי כלים אין אמעריקא. די דאָזיגע פאָלעמיקע, וועלכע הויבט זיך אן א ביסעל לעבלאך, ווערט אבער אלץ הייסער. זעלבסטפארשטענדליך טרעפט זי אויך דער דאמאלס גאנץ לעבהאפטער סאָציאליסטיש־טעריטאָריאליסטישער פאר־טיי און איהרע ארגאנען. אין איינער פון די שפּעטערדיגע נומערען פון „קעמפער" ווערט משמעות, טאקע צוליעב איהר איינגעפיהרט א וועכענטלאכע פרעסע־איבערזיכט.

עס מוז אָבער באמערקט ווערען, אז א לאנגע צייט אונטער ק. כרמר'ס רעדאקציע, אויב טאקע ניט כמעט די גאנצע צייט, בלייבט דער לייט־ארטיקעל פון „איד. קעמפער", רוהיג, אָפּ־גערוקט, דערווייטערט פון קריג. איבערהויפּט פארנעמט ער זיך זעלטען מיט אקטועל־קאָנ־קרעטע פראגען. איז זיין טאן אם אפטסטען אן אלגעמיין־טעאָריזירענדער.

דעם 18טען יאנואר, 1907, ווערט די רעדאקציע פון „קעמפער" אריבערגעטראגען פון פילאדעלפיא אין נויארק. אומגעפעהר אין יענער צייט (צום צווייטען יאָהרגאנג, 5־טען אפּריל, 1907—רעד.) ווערט דער פארמאט פון „קעמפער„ געביטען, אנגעהמענדיג דאָס אויס־זעהן פון א בראָשורירטען זשורנאל. דעם 12־טען יולי ווערט קלמן מרמר אויס רעדאקטאר, און די צייטונג ווערט משמעות געפיהרט פון א קאָלעגיע: א. ש. וואלדשטיין, י. ראזאווסקי

און א. וואהלינער. אומגעפעהר אין אָקטאָבער, 1907, אויף דער דריטער קאָנווענשאָן אין פי־לאדעלפיא, ווערט יצחק זאר, וועלכער איז פרי אין זומער אָנגעקומען קיין אמעריקא, דער רע־דאקטאָר פון דער צייטונג. זאר האָט, איבעריגענס, שוין זייט א צייט געהאט צוגעשיקט ארטיקעל פאר׳ן „קעמפער“.

געהענדיג, בדרך כלל, אין דיזעלבע וועגען ווי פריהער, ווערט דאך די שריפט, אונטער די נייע רעדאקציע, אין א פּאָר הינזיכטען אנדערש, אזוי־צו־זאָגען, מעהר פועלי ציוניסטיש. דער אינטערעס אין דער אידישער ליטעראטור און קולטור בלייבט אויך איצט. אויך איצט איז די צייטונג דער זאמלונגס־פונקט פון עלטערע און יונגע דיכטער און ליטעראטען, סאי העברעאיש אנגעהויבטע און סאי צו אידיש מעהר געניינגטע. צווישען די פארשידענע אלטע און נייע נעמען באגעגנען מיר אויך ל. קאברין, מאיר בלינקין, ידידיה מרגליות, יוסף באנק, ש. י. אימבער, אלכסנדר קאפעל (דר. מוקדוני), אפאטאווסקי (י. אפאטאשו) אבער אויך יקיר ווארשאווסקי און מ. לאזארסאן (סקיצען, פעליטאנען, טעאטער־איבערזיכטען).

צווישען די אפטסטע מיטארבייטער בלייבען א. ש. וואלדשטיין, דר. ווארטסמאן, דר. ה. זאלאטאראָוו און א. וואהלינער (ער שרייבט אויך אונטער זיין אמת׳ען נאָמען ל. לאנדוי, לידער און ארטיקלען). עס ווייזט זיך אויך דר. קאפעלאָוויטש.

עס איז דאָ דער שטארקער צובונד צום אלגעמיינעם ציוניזם, דאָך מערקט זיך אויך א פערשטארקטער אינטערעס אין אידיש־עקאָנאָמישע פראגען (ל. שוסהיים, פון גאליציען). די פאלעמיק מיט׳ן בונדיזם־געגנאָסיזם ווערט שארפער.

נאכ׳ן 17־טען יאנואר, 1908, ווערט דער „קעמפער“ אפגעשטעלט, מיט א צוזאָג ארויסצוגעבען איהם דערוויילע אלס מאנאטשריפט. צי ווערט דער צוזאָג דערפילט, איז מיר ניט באקאנט. אבער דעם 5־טען אויגוסט, 1910, טרעף איך דעם „קעמפער„ ווידער, אלס וואָכענבלאט, אונטער גאנץ נייע אומשטאנדען.

דאָס איז געווען נאָך דער ערשטער פאראייניגונג מיט די ס. ט׳ניקעס. באגעגנען מיר שוין, ראשית, איצט אין דער צייטונג אזעלכע פנים חדשות ווי דר. סירקין און ברוך צוקערמאן (דער לעצטער, ווי עס ווייזט אויס, איז אויך א מיטגליד פון רעדאקציאנס־קאלעגיאום. צווישען די רעדאקטארען שיינט אויך צו זיין לעאָן חאזאנאוויטש, ווען דער צופאל ברייגגט איהם אין ניו יארק). דער אינטערעס מיט די אידישע יוניאנס, וואָס איז אויך פריהער געווען, שיינט איצט צו ווערען שטארקער. די צייטונג גיט זיך פיעל אָפּ מיט דער קאָמו־ניסטישער קאלאניזאציע אין ארץ ישראל, דערהויפט מיט פראנץ אפענהיים׳ס קאמונעס. די פארבינדונג מיט דער ארץ ישראל׳ער ארבייטערשאפט ווערט אן ענגערע. אזוי באגעגנען מיר דאָ אלס אָפטע מיטארבייטער אבנר (בן צבי) און א. ראובני.

די לייט ארטיקלען זיינען גאנץ אקטועל. דער קאמף מיט׳ן געגנאָסיזם הערט ניט אויף.

דער קרייז ווערט בעדייטענד אויסגעברייטערט. דער סאציאליסטיש־בונדיסטישער בן קיר ווערט אן אפטער מיטארבייטער, עס ווייזט זיך אמאָל דר. זשיטלאָווסקי און יצחק אייזיק הורוויץ. איינמאָל דרוקט זיך אויך ש. ניגער. עס ווייזט זיך אויך א נייע אבטיילונג אונטער׳ן נאָמען „שטעדט און שטעדטלאך“ מיט א פערצווייגטער קארעספאנדענץ פון דער פראווינץ. עס ווערט אפט דערמאהנט דער ניט־לאנג געגרינדעטער אידיש־נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד; עס ווערט, פון צייט צו צייט, אויך דערמאהנט די אין 1910 אנגעפאנגענע נאציאנאל־ראדיקאלע קינדער־ערציהונג. פון אלוועלטלאכען פועלי־ציוניזם באטייליגען זיך זרובבל און בעריל לאקער. פון פעלד פון שעהנער ליטעראטור ווייזען זיך מ. ל. האלפערן, אברהם וועוויאָרקא און דוד איגנאטאָוו, און עס דרוקט זיך לודוויג יאקובאָווסקי׳ס „ווערטער דער יודע“ (איבערזעצט פון ס. שאפירא). עס געהט אויך א במעט שטענדיגע ליטעראַרישע איבערזיכט פון קריטיקוס.

ווידער קומט א לייגגלאכער איבעררייס. ערשט נאכ'ן אויסברוך פון דער מלחמה, ווען די פועלי ציוניסטישע פּארטיי ווערט באדייטענד פארשטארקט און פארגרעסערט, נעהמט מען זיך שאפען א נייעם, גרעסערען פאָנד פאר'ן „קעמפער", און ערשט דעם ערשטען מאי, 1916, נאך דער קליוולאנדער קאנווענשאן, ווען אי דער פאנד ווערט גרעסער, אי עס זאמלען זיך אָן ליטעראריש-זשורנאליסטישע פיעל נייע קרעפטען, פון ארץ ישראל און אייראָפּא, הויבט רעד „קעמפער" ווידער אָן ארויסגעהן, אלס גרויסע וואכענבלאט.

די צייטונג געהט איצט אומאונטערבראכען פאקטיש ביז אויגוסט, 1920, ווען די טעגליכע „צייט" הויבט אָן ערשיינען. דאָס איז די גרויסע שטורעם און דראנג פּעריאָד פון אידישען לעבען בכלל און אידישען נאציאנאל סאציאליזם בפרט. אן אכט-ניין מאָל בייט זיך די רעדאקציע אין דער פּעריאָד (סירקין, חאשין און זרבבל ; חאזאנאוויטש, צוקערמאן און ענטין ; חאזאנאוויטש אליין ; באָראָכאָוו און צוקערמאן ; באָראָכאָוו אליין ; פּינסקי און ענטין ; פּינסקי אליין ; ענטין, פיינמאן און בודיש, שפּעטער-צו ענטין אליין) אבער אין תוך בלייבט דער כאראקטער און די ריכטונג פון דער צייטונג די־זעלבע, ווערענדיג צום גרויסען טהייל שטארק באווירקט פון די גרויסע געשעענישען און מאָטיוען פון דער צייט. זיי זיינען : די מלחמה און דער פּאסיפיזם, דער גרויסער עלענד פון אייראָפּייאישען אידענטום, דער אידישער קאנגרעס און די הילפס-ארבייט, די באלפור-דעקלאראציע און די ענגלישע איינ־נעהמונג פון ארץ ישראל, דער פארשארפטער רעוואָלוציאניזם אין אייראפּייאישען (דערהויפּט ענגלישען) טרייד-יוניאָניזם, די רעאקציע אין אמעריקא, די סאציאל-פּאטריאטישע און רע־וואָלוציאנערע פּאסירונגען אין דייטשלאנד, דער קאמף פון פּועלי-ציון און ס. ד. (שפּעטער לינקע) אין אונזער אמעריקאנער באוועגונג, די רוסישע רעוואָלוציעס, דער באָלשעוויסטישער קאָמוניזם און דער ווערסאילער אפּמאך.

די אלע גרויסע געשעענישען און מאָמענטען גיבען דעם אין 1916 באַנייטען „אידישען קעמפער" א נייע פּנים. ער ווערט א צייטונג פון טיפּסטער, געדיכסטער אקטועליטעט. ער ווערט א קאַמף און באוועגונגס-צייטונג אין העכסטען זין פון וואָרט, שטארק אגרעסיוו, פּלאַ־מענדיג, וועקענדיג. עס איז כאראקטעריסטיש כמעט פאר דער גאנצער לאנגער פּעריאָדע, דאָס איצט גיט זיך די צייטונג א סך ווייניגער אפּ מיט'ן קאמף געגען בונדיזם-געגנאָסיזם (אחוץ אין די צייטען פון די דערנעהענטערונגען און דערווייטערונגען פון די בונדיסטישע עלעמענטען בנוגע דער קאָנגרעס-באוועגונג). פּיעל ברייטערע און העכערע ענינים פילען איצט אָן די נשמה פון דער שריפט.

דער אינטערעס אין ארץ ישראל, וואָס איז געוואָרען פּיעל טיפער נאך אין 1916, ווערט, פארשטעהט זיך, אין 1917, נאך דער באלפור-דעקלאראציע, נאך מעהר פארטיפט. אין דער שטענדיגער פּארטיפונג האָט, נאטירליך, ניט דעם קלענסטען חלק די אנוועזענהייט פון די ארץ ישראל'ער בן גוריון, בן צבי, חאשין, זרבבל און קרעטשמאר-יזרעאלי; דער פּיעל-פארשארפטער אגרעסיווער טאָן ווערט ארייגעבראכט טהיילווייז דורך דעם לעצטען, דער עיקר אבער דורך ב. באָראָכאָוו ; דעם גרעסטען חלק אין דעם פּאסאפיסטיש-רעוואָלוציאנערען טאָן האָט דוד פּינסקי. א דאנק דעם נייעם שפּיאָנאזש געזעץ ווערען פּיעל נומערען אונטער דער רעדאקציע פון לעצטען, ווי פון שרייבער פון אָט די שורות, אפּט קאנפיסקירט. ארום די מאָמענטען פון דער באלפור-דעקלאראציע, פון קאמף און זיעג ארום אידישען קאנגרעס און פון די שחיטות אין פּוילען און אוקראינע, פארקלינגט אין „אידישען קעמפער" דער טאָן פון א העכערען פּאטאָס. ארום דער קאנגרעס-באוועגונג ווערט אנגעפיהרט א העפטיגער קאמף פאר אידיש-נאציאָנאלע רעכט ; ארום דער הילף-ארבייט — פאר קאָנסטרוקטיווער רעליעף. אין לעצטען יאָהר "קעמפער" איז די אגרעסיוויטעט מאנכעסמאָל געריכטעט געגען דער אלוועלט־ליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין נאָמען פון דער ארץ ישראל'ער ארבייטערשאפט, ווי אויך אלס ענטפער אויף רדיפות קעגען אידיש.

נאך אַט דער אַלגעמיינער כאראקטעריזירונג בלייבט נאר נאך עפּעס צוצוגעבען צו די אייניגע פון די פילע רעדאקציעס און, לויט׳ן מאסשטאב פון דער איצטיגער באטראכטונג, וועט דער איבערבליק איבער׳ן „איד. קעמפּער“ פון דער פּעריאדע 1916—1920 זיין איי־גענטליך פארענדיגט.

די קאלעגיע, סירקין, זרבבל, חאשין, האָט לאנג ניט אנגעהאלטען. עס איז זי דאך צו דערמאהנען מיט דעם שטימונגפולען טאָן, וועלכען חאשין האָט ארייגעבראכט און מיט די נייע קרעפטען, וועלכע די קאלעגיע האָט צוגעצויגען (צום ביישפּיעל דוד פּינסקי, א. טשעריקאָווער).

לעאָן חאזאנאוויטש האָט די צייטונג סאציאליסטישער און טרייד יוניאניסטישער גע־מאכט (ער האָט, צווישען אנדערעס, אָנגעפיהרט א קאמף פאר דער רעאביליטירונג פון יוסף באראנדעס׳ נאָמען אין דער אידישער ארבייטער וועלט). ער האָט צוגעצויגען אלס מיט־ארבייטער לעוו דייטש (דאכט זיך אויך עדוואַרד בערנשטיין). אונטער זיין רעדאקציע האָט זיך פיעל קענטיגער אפּגעשפּיגעלט די נאציאנאל ראדיקאלע שול־באוועגונג (מיט דער הילף פון דאמאלדיגען סעקרעטער פון פּוע״צ.־פּארבאנדישען שול־קאָמיטעט, ש. שאפּירא). ער האָט (מיט דער הילף פון זיינע קאלעגען־רעדאקטארען) באדייטענד רייכער געמאכט די ליטע־ראַרישע אבטיילונג. אזוי באגעגנען מיר מארק שווייד, אַסף דימאָוו און פיעל אפטער מ. ל. האלפּערן. (אונטער דער פריהעריגער קאלעגיע האָט מען באגעגענט די נעמען מנחם און אפרים אויערבאך). ל. קאברין ווייזט זיך ווידער און עס דרוקט זיך אפּאטאשו׳ס גרויסער ראָמאן „אין פּוילישע וועלדער“. דער שרייבער פון אָט די שורות דרוקט, אונטער חאזא־נאוויטש׳עס רעדאקציע, א לייגערע ארבייט איבער דער אידישער מלחמה־ליטעראטור, א לייגערען ליטערארישן־קולטורעלען יאָהר־איבערבליק, ארטיקלען וועגען שלום עליכם(נאך זיין טויט) און אנדערע. שליסליך, פאנגט זיך אָן, אונטער חאזאנאוויטש׳עס רעדאקציע (אויב איך מאך נאָר קיין טעות ניט), אויך דרוקען באראכאוו׳ס גרויסע וויסענשאפטליכע ארבייט : „די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון אידישען פאלק“.

שפּעט אין סעפּטעמבער, 1916, נאך דער באסטאנער קאנווענשאָן, געהט די רעדאקציע איבער צו באראכאוו׳ן און צוקערמאן. עס געדויערט אבער ניט לאנג און באראכאוו אליין פיהרט די רעדאקציע מיט דער נאָהענטסטער הילף פון א. טשערי־קאָווער. אויף דעם הויפּט־שטריך פון זיין רעדאקציע האָב איך שוין אנגעוויזען. מען דארף נאר צוגעבען, דאָס אויך ער ציהט צו מעהרערע נייע מענשען. עס ווייזען זיך, למשל, מיט אייניציגע ארטיקלען, דר. קאראלניק און מ. קאַטץ, עס באטייליגט זיך גאנץ אָפט (ווי אויך פריהער) שלמה גאלדענבערג און עס הויבט זיך גוט אָן ארויסזעהן ב. ריווקין (אונטער א פסעוודאָנים) אלס פעליטאָניסט. באראכאוו האָט, נאטירליך, אויך אן אינטערעס פאר דער אידישער ליטעראטור און אידישען טעאטער.

אין 1917, נאך א פּארטיי־באראטונג, וואהרשיינליך מחמת באראכאוו׳ס אפּפאָהרען קיין רוסלאנד, געהט די רעדאקציע איבער צו דוד פּינסקי און דעם שרייבער פון די שורות. נאך אייניגע נומערען בלייבט איבער פּינסקי אליין דער רעדאקטאָר. זיין נאָהענטסטער מיט־העלפער איז צוערשט א. טשעריקאָווער, שפּעטער בעלקין־בעלאסטאָצקי. אחוץ דאָס שוין פריהער דערמאנטע דארף נאך פיעל אנדערעס פארשריבען ווערען אויף׳ן חשבון פון דוד פּינס־קי׳ס רעדאקציע וועלכע האלט אָן איבער א יאהר. ער דארף באזונדערס דערמאָנט ווערען זיין נייע רובריק „אויף דער טאָגעס אָרדנונג“, א שטענדיגער וועכענטליכער איבערבליק אויף דער ערשטער זייט, וועלכער, רעאגירענדיג אויף דער ביטערער רעאקציע דאָ אין לאנד און אויף די פלאמיגע געשעענישען אין אויסלאנד, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א שארפער שניידענ־דיגקייט. אונטער פּינסקי׳ס רעדאקציע האָט זיך שארף ענטוויקעלט דער בייסענדיגער „קעמ־פּערשער“ פעליטאָן פון ב. ריווקין און אנדערע. דער אינטערעס אין אידישען טעאטער איז

געווים ניט פארקלענערט געווארען, בשעת דער אינטערעס אין דער אידישער ליטעראטור ווערט גאר פיל פארגרעסערט. פיל פון דער ליטעראַרישער יוגענד (ה. לייוויק, ב. גלאַזמאַן און אנדערע) געפינט דאַ א היימישען צוטריט.

סוף 1918, נאָך דער פילאדעלפיער קאָנווענשאָן, געהט די רעדאקציע איבער הויפּט־זאכליך אין די הענט פון שרייבער פון די שורות. אחוץ דאס אויבענגעזאגטע מעג נאָך צוגע־געבען ווערען, דאס דוד פינסקי האט אנגעהאלטען זיין "אויף דער טאגעס ארדנונג" כמעט ביז צום סוף. די לייט־ארטיקלען און די אנדערע פּובליציסטישע ארטיקלען זיינען אקטועל (נאַ־ציאָנאַלע רעכט, די אידישע אויפטואונגען אין ווערסאיל, די מארגענטוי סקאנדאלען, די גע־שעהענישען אין ארץ ישראל, אמעריקאניזאציע א. א. וו.). דאָס אידישע טעאטער ווערט סיס־טעמאטיש בעהאנדעלט. עס ווערט אנגעהאלטען א לעבעדיגע טרייד אויפן אינטערעס (אלטער עפּשטיין, ב. לינדער, חיים קאַנטאָראוויטש). עס ווערען צוגעצויגען נייע מיטארבעטער (דער לעבעדיגער, א. ש. זאקס, דר. יהודה קויפמאן, דר. ק. פארנבערג, מ. ציפין און ב. צ. גאלד־בערג).

אונטערביידע לעצטע רעדאקציעס זיינען אחוץ דר. סירקין, ווען ער איז ניט אויף דער רייזע, דר. זשיטלאָווסקי, יצחק אייזיק הורוויץ און א. וואהלינער שטענדיגע מיטארבעטער.

ב.

די מעגליכע פּועלי ציון צייטונג „די צייט" האט אנגעהויבען ארויסגעהן דעם 29טען אויגוסט, 1920, באלד נאָך דער פּיטסבורגער קאָנווענשאָן, אונטער דער רעדאקציע פון דוד פינסקי מיט דער נאענטסטער מיטהילף פון א. וואהלינער און מיט א גרויסען שטאב מיט־ארבעטער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען דר. זשיטלאָווסקי, דר. סירקין, ב. צוקערמאן, יצחק אייזיק הורוויץ, דער שרייבער פון די שורות, ב. ריווקין, דער לעבעדיגער, חיים ליבערמאַן, מלך עפּשטיין, ב. פינקעל, א. אווערבאך, בעלאסטאצקי־בעלקין, די. ראַסקינס, ה. לייוויק, מ. ל. האלפּרין, ב. ראובני, ל. לאקסאן, אסיפ דימאוו, מרים קארפילאוו, רחל לוריא, דר. גינצבורי, א ליטווין, דער עיקר מיט זיינע צוויי זעהר געלונגענע אפּטיילונגען „ווי דער איד זינגט", א זאמלונג מיט נאָטען פון אידישע פאָלקס לידער; און „ווי דער איד לאכט", א זאמלונג פון אידישע אנעקדאָטען און פאָלקס וויצען. שפּעטער צו הלל ראגאף, ליליפּוט, יצחק זאר, קרעטש־מאר־יזרעאלי, דר. עלסבערג, און פילע אנדערע. די „צייט" האָט אויך געהאט א פּאָר אייראָ־פּייאישע ביוראָס, וועלכע האָבען צוגעשטעלט נייעס און ארטיקלען פון דייטשלאנד און ענגלאנד. די דייטשע ביוראָ איז געווען געפיהרט פון לעאָן חאזאנאָוויטש, וועלכער אחוץ זיינע אייגענע קאָרעספּאָנדענצען, האָט אויך צוגעשטעלט ארטיקלען פון די וויכטיגסטע זשורנאליסטישע קרעפ־טען פון דער דייטשער סאָציאל דעמאָקראטיע. די לאָנדאָנער ביוראָ איז געווען געפירט פון ש. קאפלאנסקי און אנדערע. די לאָנדאָנער ביוראָ האָט צוגעשטעלט ארטיקלען פון די וויכטיגס־טע קרעפטען פון ענגלישען סאָציאליזם. עס האָבען זיך אין דער צייטונג אויך באטייליגט איי־ניגע פון די אמעריקאנער זשורנאליסטען וואָס שטעהען ארום דעם ליבעראל־ראדיקאלען אמערי־קאנעם וואָכענבלאט „די ניישאָן". די "צייט" איז געגאנגען כסדר צוואנציג מאָנאטען, זי איז אָבער ווייט ניט אימער געווען אזוי זשורנאליסטיש רייך. אין פרילינג פון ערשטען יאָרגאנג האָבען די פאָנדען אָנגעהויבען איינגעשרומפּען ווערען און עס איז נויטיג געוואָרען איינצו־פירען עקאָנאָמיע.

שווער לויט'ן מאסשטאב פון דעם איצטיגען איבערבליק, צו געבען אן אויספיהרליכען איבערזיכט איבער אזא גרויסער זשורנאליסטישער ערשיינונג. איך מוז זיך באנוגענען מיט אייניגע צוזאמענגעפּרעסטע באמערקונגען.

אין דער הינזיכט פון נייעס, קאָרעספּאָנדענצען און רעדאקציאָנעלע באלייכטונגען איז די „צייט", אין אירע ערשטע חדשים, געווען ניט בלויז די גרעסטע און פארשיעדענארטיגסטע

אידישע טעגליכע צייטונג אין אמעריקא נאָר אויך א גרויסע צייטונג אפילו לויט אן אייראָ־פעאישער מאָס. די פיעל רעדאקציאנעלע נאטיצען פון דער „צייט", געשריבען פון א גאנ־צער קאלעגיע פארשיעדענארטיגע זשורנאליסטען, האבען געגעבען א ברייטע באלייכטונג פון די פארשידענארטיגסטע פאסירונגען פון טאג.

די צייטונג איז נעגאנגען אין א שטורעמדיגער צייט. דער רוסישער קאמוניזם, די שארפע פראָבלעמען פון אידישען לעבען אין אייראָפּא, די אומרואיגקייט צווישען דער אי־דישער ארבעטערשאפט אין אמעריקא, די אויפגעהויבענע טעטיגקייט פאר ארץ ישראל, דער ריס אין אלוועלטליכען און אמעריקאנישען ציוניזם, די אויפגעהויבענע כוואליע פון אמערי־קאנער אנטיסעמיטיזם און דער געשריי פאר דעמאָקראטיע אין אמעריקאנעם אידענטום האָ־בען די צייטונג אנגעפילט מיט א שטענדיגען גייסט פון קאמף, זייענדיג אי רעוואלוציאנער אי ציוניסטיש, איז די פאָזיציע פון דער צייטונג, אין א צייט פון קאָמוניזם, ניט־זעל־טען געווען א גאנץ דעליקאטע און די ניט אלעמאל גלייכע אנזיכטען פון איינינגע פון די טאָן־געבער האבען די לאגע אודאי ניט לייכטער געמאכט. ניט־זעלטען האט זיך אין דער צייטונג געשפירט א געוויסע אומאייגהייט. עס מוז אויך באמערקט ווערן, אז ניט־געקוקט אויף דער שטארק אומרוהיגער צייט, איז די צייטונג דאָך ניט אלע מאל געווען אזוי אגרעסיוו ווי ס'איז אין די לעצטע יאהרען געווען „דער קעמפער."

די צייטונג איז געווען זעהר רייך און פארשידענארטיג אין ליטעראטור און טעא־טער קריטיק. זי האט אויך געהאט א שטארקען אינטערעס פאר קונסט בכלל. אבער אויפ'ן געביט פון זעלבסטשטענדיג שארפערישער שעהנער ליטעראטור האט זי זיך, מיט דער אויסנאם פון ראובני'ס ראָמאן „פיין" (וואס איז ליידער אפגעשטעלט געווארען אין מיטען) ניט באַ־זונדערס אויסגעצייכענט. פיל מער האט זי זיך אויסגעצייכענט אויפ'ן פילאזאפיש־פארשערי־שען געביט (דורך די ארבעטען פון דר. סירקין און דר. זשיטלאָווסקי).

ג.

שפעט אין 1922 האָט אָנגעהויבען ארויסגעהען אונזער איצטיג וואָכענבלאט „דער אידישער ארבעטער", אויפ'ן געלט וואס איז לכתחלה געשאפען געווארען פאר דער באניי־אונג פון דער „צייט". דוד פינסקי, איז ערוועהלט געוואָרען אלס רעדאקטאָר, אָבער אין א פּאָר מאָנאטען ארום, האָט ער, איבער אומאיינשטימיגקייט מיט אונזער צענטראל קאָמי־טעט בנוגע די היגע קאָמוניסטען, מער קאנקרעט בנוגע דער דאמאלסדיגער פאסטער־געשעניש אין שיקאגא, רעזיגנירט און די רעדאקציע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו יצחק זאר, וועל־כער האָט די צייטונג געפירט ביז איצט.

„דער איד. ארבעטער" איז געבוירען געוואָרען אין א ניט־פרעהליכער שעה אין אונזער פארטיי־לעבען. זי איז געבוירען געווארען אונטער'ן צייכען פון שיה־ברוך און דער דרוק פון דער אונטערגעגאנגענער „צייט" האט זי לאנג, לאנג ניט אפגעלאזט, כאָטש אונזער פארטיי האָט זיך שוין לאנג היבשלאך ערהאָלט פון יענער קאטאסטראָפע. דער ערשטער פאָנד איז אין א יאהר ארום פארצערט געוואָרען און כאָטש ער איז שפּעטער טיילווייז באנייט געוואָרען האָט אָלץ ניט געקלעקט די צייטונג כסדר ארויסצוגעבען און שוין העכער א יאהר, אז זי געהט ארויס איינמאל אין צוויי וואכען.

די צייטונג האט פון אנפאנג אן געליטען פון ווייניג מיטארבעטער. לעצטענס ווערט דער גאנצער בעלעטריסטישער טייל אויסגעפילט פון ניט פראָפעסיאנאלען.

„דער איד. ארבעטער" האָט זיין שטעלונג צו פראגען. אידישע און סאָציאליסטישע, און ער זאגט ארויס אין א ניט צווייידייטיגער שפראך. די צייטונג גיט אויך שטענדיגע ידיעות פון דאס ארבעטענדע ארץ ישראל, כאָטש ניט אלע מאל קומען זיי אין דער פארמע פון קאָ־

רעספּאָנדענצען, נאָר, בפרט לעצטענס, אלס צונויפזאמלונגען פון ארץ ישראל'ער שריפטען. די ציימונג שטייט אויך, דורך א צוויי־דריי קאָרעספּאָנדענטען, אין א גאָר ניש־קשה'דיגען קאָנ־טאקט מיט'ן אייראָפּעאישען פועלי ציוניזם און סאציאליזם.

און דאָך איז דאָס בלאט ארום און ארום אָרים־בלוטיג און דערהויבט זיך קוים אפילו צו די ארימערע תקופות פון "איד. קעמפער."

ד.

עס וואלט געווען אן אומרעכט, ארויסצולאזען דעם איבערבליק פון האנט, ניט אָפּ־שטעלענדיג זיך אויך אויף דער פועלי ציון יוגענטלאכער פּרעסע. עס איז א מערקווירדיגע ערשיינונג, כמעט ווי גאָר אָהן געשאַפענע פאָנדען און אָפּט כמעט גאָר אָהן עלטערער השגחה, לעבט דאָך די יוגענטלאכע פועלי ציון פּרעסע שוין באלד צען יאר און פון צייט צו צייט האט זי נאָך גאָר א ניש־קשה'דיג אויסזעהן. זיכער איז, זי איז כמעט ווי אימער פּריש, יוגענטלאך, באַלערענדיג, קעמפעריש. איז דאָס ניט אמאָל א ס־מן אז אונזער יוגענטלאכע באוועגונג איז ווירקליך עכט און געזונט?

קיין סודות זיינען אבער ניטאָ. די פּרישקייט און יוגענטליכקייט נעמט זיך דערפון וואס די יוגענטלאכע זעלבסט האבען זיך דאָ שטענדיג באטייליגט, די קעמפּעריזשקייט — דער־פון וואָס אָפּט האָבען זיך דאָ באשעפטיגט די מער רעוואָלוציאָנער־געזינטע, פון דער יוגענט־לאכער ווי פון דער עלטערער פּארטיי.

שוין אין 1916 איז געווען אן אנהויב פון א יוגענטלאכער פּרעסע. די נויארקער דע־לעגאטען זיינען שוין דאמאלס געקומען צו דער קליוולענדער קאָנוועגשאָן מיט א העקטאגרא־פירטער יוגענט־שריפט. אויף דער קאנווענשאן איז די יוגענטלאכע באוועגונג באשטעטיגט און אוועקגעשטעלט געווארען. אין א קורצע צייט שפּעטער איז דער ערשטער „יונגער אידישער קעמפּער", געגרינדעט געווארען. אין דער רעדאקציע האבען זיך אין פארשיעדענע צייטען באטייליגט דער שרייבער פון די שורות, בעלקין־בעלאסטאצקי, ב. אסטראווסקי, פּ. קרוזא, ב. באָנטשיק, און אנדערע. חיים עהרענרייך און אנדערע יוגענטלאכע זיינען אָפּט געווען צווי־שען די נאָענטע מיטהעלפער. עס האָבען מיטגעארבעט (און תמיד אומענטגעלטלאך) סאי נאָ־ענטע און סאי ווייטערע. שוין גאנץ פרי אין דער יוגענטלאכער באוועגונג זיינען צו דער שריפט צוגעגעבען געווארען ענגלישע נאטיצען, ארטיקעלאך, לידער און בילדלאך.

אין בליענדע צייטען פון אונזער פּארטיי־לעבען איז די שריפט געווען א וואכענבלאט; אין צייטען פון קנאפּערע פאנדען איז זי געווארען א מאנאט־שריפט. אסך מאנאטען אין 1917 און 1918 איז זי געווען בלויז אן אָפּטיילונג אין „איד. קעמפּער", אָבער אַלץ אונטער א זעלבסטשטענדיגער רעדאקציע. איצט ערשיינט זי כמעט יעדען מאנאט, אונטער'ן נאָ־מען „יוגענט". אונטער דער רעדאקציע פון א. העמלין און דעם יוגענטלאכען סעקרעטער שניי־דער און ווערט ווייט צום גרעסטען טייל אויסגעפילט פון די יוגענטלאכע אליין.

כאָטש די יוגענטלאכע פּרעסע געהט פּאַליטיש אין די שפּורען פון אונזער עלטערער פּרע־סע, האט זיך דאָך תמיד איר אייגענע פיזיאָנאָמיע. געטריי צו אונזער קוק אויף דער יו־גענטלאכער באוועגונג ווי אויף א צארטער פּארטיי־שול, טראגט אונזער יוגענטלאכע פּרעסע אימער דעם כאראקטער פון אן אָרגאן פון בילדונג און אויפקלערונג אין אידיש־קולטורעלע, סאָ־ציאליסטישע און פּועלי ציוניסטישע ענינים. אזוי ווערן אין אונזערע יוגענטלאכע שריפטען די אידישע יום טובים אימער וואַרימלאך־נאציאנאל באשפּראכען. אזוי האט אין איר דער שרייבער פון די שורות געהאט פיל ארטיקלען איבער די זיילען פון דער נייער אידישער לי־טעראטור. אזוי האָט ב. אָסטראָווסקי געהאט פיל אויפזאצען איבער די נביאים און די באָ־

שאפער פון דער משנה. אזוי זיינען געווען פיל אָפּהאנדלונגען איבער מאָדערנע אידישע און סאָציאַליסטישע פּערזענליכקייטען (דר. הערצל, מאקס נארדוי, ישראל זאנגוויל, דר. נתן בירנבוים, ש. אנסקי, זשאן זשארעס, קיער האַרדי, ניקאָלאַי ליענין, א. א. וו.).

